# פרשת ויקהל י"ט – כ"ה אדר א' תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ט סעיף ו') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט, אז ווען דער אייבערשטער האט געענדיגט רעדן מיט משה רבינו די פערציג טאג וואס ער האט געלערנט מיט אים די תורה, און משה רבינו איז אראפגעקומען פון הימל, 'ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו בהר סיני', האט אים דער אייבערשטער געגעבן 'שני לוחות העדות, לוחות אבן', לוחות פון א שטיין, 'כתובים באצבע אלקים' (שמות לא-יח), עס איז געווען געשריבן מיטן פינגער פונעם אייבערשטען. רש"י זאגט, ככלותו לדבר אתו, אז עס פעלט א וא"ו, ככלתו כתיב, אזוי ווי א כלה. משה רבינו איז געווען אין הימל פערציג טאג, און אין אזא קורצע צייט האט ער נישט געקענט לערנען די גאנצע תורה, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן די תורה א מתנה, אזוי ווי א כלה וואס ווערט איבערגעגעבן פאר א חתן. די משל איז אזא שווערער משל, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר משה רבינו, אזוי ווי מען גיט א כלה פאר א חתן. - און וואס איז טייטש, אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן די תורה אזוי ווי א מתנה.

**עס** שטייט אין די גמרא (נדרים נה.), אז דער פסוק זאגט (במדבר כא-יח) וממדבר מתנה, וממתנה נחליאל, ומנחליאל במות, ומבמות הגיא אשר בשדה מואב וכו'. דרשנ'ט די גמרא, וממדבר מתנה, ווען איינער איז זיך מפקיר אזוי ווי א מדבר, גיט אים דער אייבערשטער די תורה במתנה. וואס מיינט אז ער איז זיך מפקיר ווי א מדבר. טייטשט דער ר"ן, עס איז דא א מענטש וואס האלט די תורה פאר זיך, ער זיצט און לערנט פאר זיך, און ער לערנט נישט תורה מיט אנדערע. עס אינטערעסירט אים נישט אז א צווייטער זאל קענען, די עיקר איז, אז ער זאל מצליח זיין אין תורה. נאכדעם איז דא איינער וואס איז זיך מפקיר, ער לערנט תורה מיט יעדן איינעם, און דער ר"ן זאגט, אז ער לערנט תורה בחנם. עס איז אים נישט א נפקא מינה צו מען באצאלט אים צו נישט. אז ער קען לערנען תורה מיט א צווייטען, לערנט ער. דאס מיינט אז ער איז זיך מפקיר אזוי ווי א מדבר. 'מתנה', גיט אים דער אייבערשטער די תורה במתנה, 'וממתנה נחליאל', נאכדעם גיט אים דער אייבערשטער די תורה אזוי ווי א נחלה, עס איז א העכערע מדריגה, און אזוי ווייטער. - וואס איז דער פשט, וממדבר מתנה, אז דער אייבערשטער גיט אים די תורה במתנה.

**מען** זעהט אין ביזנעס, וואס איז דער חילוק צווישן א קנין, ווען א מענטש קויפט עפעס, און א מתנה. א קנין, דארף מען באצאלן פאר יעדע זאך זיין פרייז. א זאך וואס קאסט איין דאלער, געבסטו איין דאלער באקומסטו איינס, געבסטו פינף דאלער באקומסטו פינף, צען דאלער באקומסטו צען. מען באקומט נישט קיין שום זאך, נאר וויפיל מען האט איינגעצאלט אזויפיל קען מען נעמען. אבער פאר א מתנה דארף מען נישט איינצאלן, א מתנה באקומט מען אפילו מען האט גארנישט צוגעלייגט, דער מענטש גיט עס אים במתנה.

**מען** זעהט אבער אמאל, ווען א מענטש ארבעט ביי א חבר, און ער ארבעט א גאנצע יאר, און ער איז א געטרייער ארבעטער, ער האט אריינגעברענגט גוטע סעיל"ס, און דער בעל הבית איז זייער צופרידן פון אים, ווען עס קומט סוף יאר, גיט ער אים א באנו"ס. און אסאך מאל קען זיין די באנו"ס, אסאך מער פון וויפיל ער האט פארדינט איבער'ן יאר. דער באנו"ס איז בעצם א מתנה, נאר פארוואס גיט ער אים די מתנה, ער איז נישט מחויב עס צו געבן, נאר ווייל ער איז געווען א געטרייער ארבעטער, גיט ער אים נאכדעם צו עפעס א מתנה.

**דאס** זעלבע איז כביכול ביי תורה אויך. **ווען א מענטש טוט וויפיל ער קען, און ער איז זיך מייגע. וויפיל ער איז זיך מייגע, אזויפיל איז ער זוכה צו פארשטיין אין תורה. אמאל איז דא וואס א מענטש**

**גייט ארויס פון זיין וועג פארן אייבערשטען, און ער איז זיך מפקיר, באצאלט אים דער אייבערשטער א באנו"ס, און ער גיט אים א חלק פון תורה פאר א מתנה. וואס איז די מתנה, אז וואס א אנדערער דארף זיך פלאגן דערויף, כאפט ער שנעל. און ער געדענקט וואס ער האט געלערנט, און ער דארף נישט אזויפיל חזר'ן.** אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות לב:, ובירושלמי שם) אז די וואס האבן געדאווענט ניין שעה א טאג, מתוך שחסידים היו תורתן משתמרת, תורתן מתברכות. ווייל זיי זענען געווען ערליך, האט זיי דער אייבערשטער באצאלט, אז זייער תורה האט זיך אפגעהיטן ביי זיי, זיי האבן געהאט א ברכה אין די תורה. עס איז אזוי ווי א באנו"ס וואס דער אייבערשטער גיט צו פאר דעם וואס לערנט תורה.

**עס** שטייט אין די גמרא (מגילה ו:) ווען א מענטש וועט זאגן, 'לא יגעתי ומצאתי', איך האב זיך נישט געפלאגט, און איך האב געטראפן תורה, 'אל תאמין', גלייב אים נישט. 'יגעתי ומצאתי', ווען ער זאגט, איך האב מיך געפלאגט און איך האב געטראפן, 'תאמין', זאלסטו אים גלייבן. האסט זיך געפלאגט, האסטו זוכה געווען. עס שטייט אין די מפרשים, פארוואס זאגט ער די לשון 'יגעתי ומצאתי', 'מצאתי' איז טייטש א מציאה. ווען א מענטש טרעפט א זאך, איז עס אן א יגיעה. ער איז געגאנגען אויף די גאס, און ער האט געטראפן א מציאה. וואס איז טייטש 'יגעתי', איך האב מיך געפלאגט, 'ומצאתי' און איך האב געפונען. אז איך האב זיך געפלאגט, הייסט עס נישט געפונען.

**נאר** עס איז איידע אמת. ווען א מענטש פלאגט זיך, באקומט ער אסאך מאל א מציאה, א הארה אין תורה, מער פון וויפיל זיין יגיעה איז געווען. אבער עס קומט נאר, ווייל עס איז געווען קודם יגעתי. קודם האט ער זיך געפלאגט, און אז ער האט זיך געפלאגט, האט אים דער אייבערשטער שפעטער געגעבן אז ער האט א מציאה, און ער האט זוכה געווען צו א מתנה. דער באנו"ס וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, איז געקומען נאך א יגיעה. נאך א יגעתי, איז דא א מצאתי, קען מען אויך טרעפן. אבער לא יגעתי, טאמער דו האסט נישט אנגעהויבן ארייננצולייגען אין דעם געשעפט גאראנישט, ומצאתי, און דו האסט געטראפן א מציאה, אל תאמין, דאס זאלסטו נישט גלייבען.

**משה** רבינו האט געדארפט יעצט מקבל זיין די תורה, און דער אייבערשטער וויל אים געבן גאנץ תורה שבכתב און תורה שבעל פה, און כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, עס איז נישט מעגליך אז א ילוד אשה זאל קענען קונה זיין די גאנצע תורה אין פערציג טאג. אבער ווייל ביי משה רבינו איז געווען יגעתי, משה רבינו האט זיך אלע יארן מייגע געווען אויף עבודת ה', ומצאתי, האט ער געקענט באקומען א מציאה. וממדבר, ווייל ער האט זיך מפקיר געווען פארן אייבערשטען אזוי ווי א מדבר, מתנה, האט אים דער אייבערשטער שפעטער געגעבן די תורה פאר א מתנה. - ויתן אל משה, משה רבינו האט באקומען א מתנה, נישט אז ער האט באקומען א מתנה בחנם, נאר נאך א יגיעה וואס ער האט זיך געפלאגט, האט ער צובאקומען מער פון זיין יגיעה. דאס איז געווען די מתנה וואס דער באשעפער האט אים געגעבן.

**דער ר"ן** (נדרים ל.) זאגט, אז ביי קידושין איז די הלכה אז אלעס דארף קומען פונעם מאן. דער מאן דארף געבן די כסף קידושין, און די שטר קידושין, דער מאן דארף זאגען הרי את מקודשת לי, ווייל עס שטייט אין פסוק (דברים כב-יג) כי יקח איש אשה, און עס שטייט נישט כי תלקח אשה לאיש, אז זי וועט גענומען ווערן צו אים, ווייל זי דארף גארנישט טון, נאר דער מאן איז דער קונה. די הלכה איז, אז ווען דער מאן האט איר געגעבן א רינגל, און זי האט געזאגט, הריני מקודשת לך, איז זי נישט מקודשת (קידושין ה:), ווייל אלעס דארף קומען פונעם מאנ'ס זייט. פרעגט דער ר"ן, די הלכה איז, אז מען קען נישט מקדש זיין א אשה בעל כרחה, קומט דאך אויס אז זי מוז געבן איר הסכמה דערצו, איז דאך ביי יעדע קידושין דא א חלק וואס קומט פון איר, אז זי איז מסכים צום שידוך, אן איר הסכמה קען מען עס נישט האבן. דו זאגסט דאך ביי קידושין, אז אלעס דארף קומען פון אים, און נישט פון איר.

**איז** דער ר"ן מסביר, אז ווען א אשה זאגט, אז איך בין גרייט צום שידוך, איז כאילו זי זאגט איך בין זיך

מבטל, איך בין זיך מפקיר פארן מאן. און אזוי ווי א מענטש קען צוגיין און זוכה זיין א זאך פון הפקר, אזוי קען ער מקדש זיין די אשה. ווייל דאס וואס זי איז מסכים צו די קידושין, איז כאילו זי האט מפקיר געווען איר אייגענע בעלות, זי גיט אויף איר בעלות אז מען קען איר זוכה זיין, און ממילא קען איר דער מאן מקדש זיין. קומט אויס אז יעדע קידושין איז דא א הפקר פון די אשה לגבי די מאן.

**ווען** משה רבינו האט מקבל געווען די גאנצע תורה פונעם אייבערשטען במתנה, איז דאך דאס געווען ווייל משה רבינו האט זיך געמאכט אזוי ווי א מדבר, וממדבר מתנה, ער האט זיך מפקיר געווען, האט ער באקומען די תורה במתנה. 'ויתן אל משה', דאס וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר משה במתנה, איז געווען 'ככלתו', אזוי ווי א כלה, וואס איז איבערגעגעבן פארן חתן, איז זיך די כלה מפקיר צום חתן, און אזוי קען זיין די קידושין, אזוי אויך וויפיל משה רבינו האט זיך מפקיר געווען פארן אייבערשטען, אזוי איז געווען זיין מתנה. און די הפקר פון משה רבינו איז דאך געווען גאר א דערהויבענע מדריגה, איז זיין מתנה, זיין באנו"ס וואס ער האט באקומען אויך געווען אויף גאר א הויכע מדריגה.

*

***יום שני פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הרה"ג רבי **מרדכי ווייס** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **עקיבא משה טויבער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מגארליץ שליט"א** (ב"פ), עב"ג בן **הרה"ג רבי יצחק ראזענבוים שליט"א** (בן האדמו"ר מקאליש שליט"א, וחתן האדמו"ר מסטרעליסק שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הגה"צ אב"ד טאשנאד שליט"א**, עב"ג בן **הגה"צ רבי מרדכי זאב וואזנער שליט"א** (בן הגה"צ אבד"ד זכרון מאיר שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד טענקא שליט"א) שהתקיים באולם טענקא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **נפתלי מנלה** הי"ו (חתן הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **שרגא פייוויל קליין** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקהל***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **נחמי' פייערווערקער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויקהל** משה את כל עדת בני ישראל, ויאמר אליהם אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם (שמות לה-א), און משה רבינו האט געגעבן די מצוה פון שבת. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער לשון אלה הדברים אשר צוה ה' 'לעשות אותם', שבת איז דאך נישט א עשיה, שבת איז א שב ואל תעשה, מען דארף רוען. און וואס איז דער לשון 'אלה הדברים'.

**מען** געפונט אין פרשת שמיני, בשעת מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, שטייט אויך אזא לשון, משה רבינו האט געזאגט, 'זה הדבר' אשר צוה ה' תעשו, וירא אליכם כבוד ה' (ויקרא ט-ו). און דער **אור החיים הק'** ברענגט דארט צו א מדרש (במדב"ר יב-ח), אז 'זה הדבר' אשר צוה ה', גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. מילה ווערט אנגערופן 'זה הדבר', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יהושע ה-ד) 'זה הדבר' אשר מל יהושע. און דער **אור החיים הק'** שטעלט זיך, ווי קומט די מצוה פון מילה, ווען מען רעדט פון אויפשטעלן די משכן.

**עס** שטייט אין **דברי יואל** (פ' שמיני), אז די גמרא (יבמות עב.) זאגט, אז די פערציג יאר וואס יודען זענען געווען אין מדבר, האט מען זיך נישט

גע'מל'ט. אין די גמרא איז דא פארשידענע טעמים, וואס די סיבה איז געווען אז מען האט זיך נישט גע'מל'ט. איין טעם איז דא אין די גמרא, ווייל זיי זענען געווען נזופים, זיי זענען געווען אנגעשריגען פונעם אייבערשטען, דער באשעפער איז ברוגז געווען אויף יודען, און לא נשב להם רוח צפונית, עס האט נישט געבלאזן קיין רוח צפונית. רוח צפונית איז וויכטיג צו היילן א קינד בשעת מען מל'ט, איז ממילא אז עס איז נישט געווען קיין רוח צפונית, איז געווען א סכנה אז מען זאל זיך מל'ן, האט מען זיך נישט גע'מל'ט.

**עס** איז דא דארט א מחלוקת צווישן רש"י מיט תוספות, פארוואס זיי זענען געווען ניזופים. רש"י לערנט אז עס גייט ארויף אויפן חטא העגל. פון ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל זענען יודען געווען ניזופין, און עס איז נישט געווען קיין רוח צפונית. דאס מיינט אז פונעם חטא העגל האבן זיך יודען נישט געקענט מער מל'ן. און תוספות לערנט, אז עס גייט נישט ארויף אויף עגל, ווייל ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האט דער אייבערשטער מוחל געווען דעם חטא העגל. נאר א יאר שפעטער, ווען מען האט געזינדיגט מיט די מרגלים, פון דעמאלטס אן זענען די יודען געווען ניזופין, און פון דעמאלטס אן האבן זיי זיך נישט גע'מל'ט.

**זאגט** ער אז ביידע זענען אמת, יודען זענען געווען ניזופין תיכף בשעת מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, אבער ווען משה רבינו האט מתפלל געווען אויף יודען, און דער אייבערשטער האט מוחל געווען אויפן חטא העגל, איז דעמאלטס אראפגעגאנגען די נזיפות. און די שטיק צייט פון ווען משה רבינו האט מתפלל געווען, ביז צום חטא המרגלים, איז געווען א רוח צפונית, און מען האט זיך גע'מל'ט. און פון די חטא המרגלים און ווייטער, ווען יודען זענען נאכאמאל געווארן ניזופים, און עס איז נאכאמאל אוועקגעגאנגען די רוח צפונית, פון דעמאלטס אן האט מען זיך מער נישט גע'מל'ט.

**ווען** איז דער אייבערשטער נתרצה געווארן אויפן חטא העגל, ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן. משכן העדות (שמות לח-כא), די משכן איז א עדות, אז דער אייבערשטער האט מוחל געווען פאר יודען (רש"י שם). חטא העגל איז געווען שבעה עשר בתמוז, פון שבעה עשר בתמוז זענען יודען געווען ניזופין, און עס איז נישט געווען א רוח צפונית, אבער ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, פון דעמאלטס אן איז צוריקגעקומען די רוח צפונית, און פון דעמאלטס אן האט מען זיך געקענט מל'ן, ביז די חטא פון די מרגלים.

**האט** דער אייבערשטער יעצט געזאגט, זה הדבר אשר צוה ה' תעשו. ביז יעצט האט איר זיך נישט געקענט מל'ן, ווייל עס איז נישט געווען א רוח צפונית, אבער יעצט ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, און די משכן איז דאך א כפרה אויפן חטא העגל, איז דאך נתכפר געווארן דער חטא העגל, איז צוריקגעקומען די מצוה פון מילה. 'זה הדבר' אשר צוה ה' תעשו, אז מען זאל זיך מל'ן.

**קומט** דאך אויס, אז מיט דעם וואס יודען האבן געזינדיגט מיטן חטא העגל, איז ביי זיי צוגענומען געווארן צוויי זאכן. איינס אז עס איז נישט געווען א רוח צפונית וואס זאל קענען היילן. און אז עס איז צוגענומען געווארן די רוח צפונית, איז אויך צוגענומען געווארן די מצוה פון מילה, אז מען האט זיך נישט געקענט מל'ן. ווען משה רבינו איז יעצט געקומען, אז דער אייבערשטער איז נתרצה געווארן אויפן חטא העגל, און ער האט געהייסען אויפשטעלן א משכן, קומט אויס האט מען מתקן געווען אז עס גייט צוריקקומען דער רוח צפונית, איז צוריקגעקומען אויך די מצוה פון מילה.

**דער** חטא העגל ווערט אנגערופן 'אלה', אלה אלהיך ישראל (שמות לב-ח). 'ויקהל משה את כל עדת בני ישראל', משה רבינו האט צוזאמגענומען יודען, 'ויאמר אליהם', און ער האט זיי געזאגט, 'אלה' הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם. 'אלה' גייט ארויף אויף די חטא פונעם עגל, 'דברים' גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה. 'אלה הדברים' די מצות מילה וואס איז צוגענומען געווארן דורך 'אלה', 'צוה ה' לעשות אותם', האט דער אייבערשטער געזאגט, אז יעצט ווען מען בויט אויף דעם משכן, וועט מען אויך קענען מקיים זיין די מצוה פון מילה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יואל שפיערער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קראלי. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (בבגדי שבת) אצל החתונה של בן ש"ב הרה"ג רבי **יחזקאל שרגא בלום** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד תולדות רפאל קאשוי שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **דוד פנחס מענדעלאוויטש** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד לאדאני שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד מאנטעווידעא שליט"א), שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **נחום מאסקאוויטש** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **אפרים דוב כהנא** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אהרן נאה** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל אהרן וואלף** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של נכד גיסו **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**, ונתכבד בברכה אחריתא. אחר כך רקד מצוה טאנץ לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי שלמה יעקב זיידא אייכענשטיין שליט"א** אב"ד גאלאנטא (בן כ"ק האדמו"ר מגאלאנטא שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד דושינסקיא שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי אברהם צבי יעקב לייפער שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מנדבורנא שליט"א), שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויקהל***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **משה עזריאל** נ"י בן הרב **נחמן גרינצוויג** שליט"א. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל הר"ר **לייבל ווייס** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** איך האב געזען א דרשה וואס דער רב האט געזאגט (בכינוס 'לשמור ולעשות' סיון תשע"ג), אז א טאטע האט אמאל געזאגט, אז עס איז ענדערש אז דאס קינד וואלט נפטר געווארן, ווי איידער אריינצופאלן אין די טמא'נע כלים. דאס האט בארואיגט מיין מאמע, אז די נפטרת איז געווען ערליך ביז די לעצטע מינוט.

**רבינו:** פונעם **חתם סופר** איז דא א דרשה (ח"א קסד:), וואס דער **חתם סופר** שרייבט, ראיתי מעשה, אז איינער האט פארלוירן א קינד, און ער איז געווען זייער צוגעלייגט, און ער האט נאכדעם געחלומ'ט, אז דאס קינד וואס ער האט געהאט איז יצא לתרבות רעה, און ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער זיך בארואיגט, אז דער אייבערשטער האט אים נישט געבערענגט די צרה (עיין **שמן ראש** פורים ח"ב דף שצט).

**א' האבלים:** רבי יעקב חיים רוטנער שרייבט אין זיין ספר, אז זיין זון האט געהאט א נאנטן חבר וואס האט יארן נישט געהאט קיין קינדער ל"ע, און ער

האט געמוטשעט דעם **ריבניצ'ער רבי'ן** זייער שטארק אז ער זאל געהאלפן ווערן, און דער ריבניצער האט זיך אלץ ארויסגעדרייט. איינמאל האט ער אים זייער געמוטשעט, אז זיין חבר זאל געהאלפן ווערן, האט דער **ריבניצער רבי** געזאגט, גוט. שרייבט ער, אז יענער האט געהאט נאכדעם א שטוב מיט קינדער, און ער האט זיך נעבעך גע'גט, און דאס גאנצע שטוב איז חרוב געווארן.

**רבינו:** דער **חתם סופר** אליין שרייבט (לקוטי תשובות חלק המכתבים סימן ט'), אז זיין רבי **ר' נתן אדלער**, האט געהאט איין זון מיט איין טאכטער, און ער האט פארלוירן די טאכטער, און ער האט נישט מתפלל געווען אז ער זאל האבן נאך קינדער, ווייל ער האט געוואוסט אז עס קען שאדן פאר איינעם פון זיי צוויי. און דער **חתם סופר** שרייבט אויף זיך, אז בזיווג ראשון האט ער נישט געהאט קיין קינדער, און איך האב קיינמאל נישט איינגעריסן, און מתפלל געווען אויף קינדער, ווייל איך האב געוואוסט אז עס קען שאטן פאר מיר אדער פאר איר, אז זיי וועלן אוועקגיין פאר די צייט. דער **חתם סופר** האט ערשט געהאט קינדער ביי די פופציג יאר.

**א' האבלים:** כאטש עס איז א מצוה.

**רבינו:** וואס עס איז בדרך הטבע האט ער געטון, אבער איינרייסן האט ער נישט. ער האט געקענט מכריח זיין אז ער זאל האבן, צדיק גוזר והקב"ה מקיים (מו"ק טז.), אבער ער האט עס נישט געטון. דער **קאמארנער** שרייבט אויף א פלאץ, אז די וואס האבן נישט קיין קינדער, איז זייער עבודה אויף די וועלט נישט מיט קינדער, זיי האבן עפעס אנדערש אויפצוטון. זיי דארפן זיך אפגעבן מיט די וועלט, האט דער אייבערשטער זיי נישט געגעבן קיין קינדער, ווייל די עבודה איז נישט פאר זיי. יעדער האט זיין תפקיד.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **שמעון יונתן** ני"ו, בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אליעזר זאב גרינשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **וואלווי פישער** הי"ו (ב"פ), ואחיו הר"ר **יודא פישער** הי"ו (מאנסי), שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **נחמן גרינצוויג** שליט"א, שהתקיים באולם סעוויל מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה האט משה רבינו מצווה געווען אויף די תרומת המשכן, אז מען זאל ברענגען געלט כדי צו בויען א משכן פארן אייבערשטען. און תיכף ווען זיי האבן געהערט אז מען בעהט נדבות פארן משכן, האבן זיך יודען צוגעאיילט, און יעדער יוד איז געקומען, און ער האט געברענגט וואס ער האט געהאט, אז אין צוויי טאג איז געווען די גאנצע סומע וואס האט אויסגעפעלט פארן משכן (שמו"ר מא-ב). עס האט אויסגעפעלט אסאך געלד און זילבער, די מנורה אליין איז געווען א ככר זהב, און וויפיל זהב איז אריינגעגאנגען ביז עס איז ארויסגעקומען איין ככר זהב טהור. און יודען האבן מיט א זריזות אלעס אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען, ביז די חכמים זענען געקומען צו משה רבינו, און זיי האבן אים געזאגט, מרבים העם להביא (שמות לו-ה), עס איז דא צו אסאך, און משה רבינו האט געהייסען אז מען זאל אויסרופן, אז מען זאל מער נישט ברענגען.

**דער חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו ריז. ד"ה ויכלא) זאגט, פארוואס איז מען געקומען צו משה רבינו, אז ער זאל אויסרופן אז מען זאל מער נישט ברענגען, זיי האבן דאך געקענט אליין זאגן, אז עס איז גענוג, און מען זאל מער נישט ברענגען. ווייל יודען וואלטן געגעבן אפילו ווען מען זאגט אז מען דארף נישט. אבער אז עס איז דא א ציווי פון משה רבינו אז מען זאל אויפהערן צו ברענגען, האבן זיי זיך אפגעשטעלט. זיי האבן נישט אויפגעהערט צו ברענגען, ווייל מען דארף נישט האבן, נאר ווייל עס איז דא א ציווי פון משה רבינו, אז מען זאל מער נישט ברענגען.

**די** פסוק זאגט ווען זיי האבן געברענגט די נדבות, והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר (שם לו-ג),

זיי האבן געברענגט נאך א נדבה בבוקר בבוקר, וואס איז די לשון והם הביאו אליו עוד נדבה 'בבוקר בבוקר'. עס שטייט אין הייליגע ספרים, ווען א מענטש גיט אוועק זילבער און גאלד פארן אייבערשטען, כדי עס זאל קענען ווערט זיין, אז עס זאל זיין אויף דעם א השראת השכינה, איז נאר ווען מען האט עס געגעבן מיטן גאנצן הארץ. דער אייבערשטער האט געזאגט גענוג געלט, לי הכסף ולי הזהב נאום ה' (חגי ב-ח), די עיקר כוונה פארוואס דער באשעפער האט געזאגט, אז מען זאל מאכן א משכן מיט די געלט פון יודען, איז כדי מען זאל ארויסווייזן די ליבשאפט צום אייבערשטען. געלט איז דאך א זאך וואס איז באליבט ביי א מענטש אויפן הארץ, און דאס גיט ער אוועק פארן באשעפער. אויב א יוד האט געברענגט א נדבה וואס איז נישט געווען מיטן גאנצן הארץ, איז די נדבה ארויסגעבליבן, מען האט נישט געקענט פון דעם מאכן א משכן. נאר א זאך וואס איז געווען ערליך ריין, דאס איז געווען ראוי צו מאכן דערפון א משכן ה'.

**א** מענטש איז דאך א מענטש, און עס קען אמאל זיין, אז מען ברענגט א נדבה וואס איז נישט מיטן גאנצן שלימות. אפשר איז עס נישט מיט א נדבות הלב, און אמאל האט ער געהאט א פניה כדי מען זאל זאגן אז ער האט מנדב געווען א גרויסע סומע פארן משכן, און עס איז שווער געווען אז עס זאל אריינקומען אינעם משכן.

**מען** ווייסט אבער וואס די גמרא (ברכות יט.) זאגט, אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה, אויב דו האסט געזען א תלמיד חכם טוט א עבירה, אל תהרהר אחריו ביום, זיי נישט מהרהר אויף אים, ווייל בודאי עשה תשובה. אפילו א מענטש האט געטון אמאל א זאך וואס איז נישט ריכטיג, ווען עס גייט אדורך אביסל צייט, און ער איז זיך משים אל הלב, קערט ער זיך צוריק צום אייבערשטען. אפילו ווען מען האט געברענגט א נדבה, און בשעת מעשה איז עס נישט געווען ראוי אריינצוגיין אינעם משכן, אבער ווען עס איז אדורכגעגאנגען א שטיק צייט, און א יוד האט זיך בארעכנט, איך האב געברענגט א נדבה, און איך געב עס אוועק מיטן גאנצן הארץ פארן באשעפער, איז די נדבה וואס איז נישט געווען ראוי ביז יעצט, געווארן ראוי אז עס זאל אריינקומען אינעם משכן.

**און** כל שכן צופרי, **ווען א יוד דאוונט, און ער דערמאנט זיך אז אלעס האב איך פונעם רבונו של עולם, אלעס קומט דאך פון באשעפער. ער דאנקט דעם אייבערשטען, ווייל ער ווייסט אז אלעס קומט מן השמים.** כי ממך הכל ומידך נתנו לך (דברי הימים א כט-יד), אלעס איז פונעם אייבערשטען, ומידך, און פון דיין האנט, נתנו לך, געב איך דיר צוריק. יעדן טאג נאכן דאווענען, ווען ער דאוונט ערליך, ווייסט ער, אז אלעס איז פונעם רבונו של עולם, און ער פארמאגט גארנישט. און ווען ער האט אוועקגעגעבן געלט פארן משכן, האט ער עס דעמאלטס אוועקגעגעבן מיטן גאנצן הארץ, כולו לשם שמים.

**זאגט** דער פסוק, ווען מען האט געברענגט נדבות צום משכן, והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר, יעדן בוקר האבן זיי צוגעברענגט נאך א נדבה. די זעלבע נדבה וואס ער האט שוין געגעבן, אבער עס איז נישט געווען ראוי פארן משכן, אבער בבוקר, ווען ער האט געדאווענט, און ער האט זיך מתבונן געווען אז אלעס האט ער פונעם רבונו של עולם, איז חל געווארן נאך א נדבה פון זיין פארמעגן. ווען עס איז געקומען דער צווייטער בוקר, און ער האט זיך נאך מער מתעצם געווען, איז נאך א חלק געווארן דערפון א נדבה. די זעלבע נדבה וואס זיי האבן געברענגט, והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר, האבן זיי יעדן צופרי צוגעברענגט נאך א נדבה.

*

אחר הבר מצוה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.*

*

***ערב שבת פרשת ויקהל***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי אברהם עמרם מייזעלס שליט"א** אב"ד מיהאלדי, שישב שבעה על פטירת אחיו **הרה"ג רבי משה יהודא מייזעלס זצ"ל** אב"ד ור"מ אבני שלמה (מאנסי).

***שבת קודש פרשת ויקהל***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל תפארת שלמה זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ט אדר). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה השנתי לטובת המתיבתא, שהתקיים באולם תורה ויראה. הרב **נחמן גרינצווייג** שליט"א פתח את המסיבה, וכיבד את הר"ר **חיים יהודא האפמאן** הי"ו בדבר ההורים. אחר כך נשמעו דברי זכרון על הר"ר **יואל טירנויער** ז"ל (שהדינער נתנדב לעילוי נשמתו), על ידי הר"ר **שלום מערמעלשטיין** הי"ו, וחרוזי געגועין על ידי הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המסיבה נאם הרב **שלום פעקעטע** שליט"א לכבוד נכדו הר"ר **יואל טירנויער** ז"ל. בברכת המזון נתכבד הר"ר **ישראל טירנויער** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א שמחה אטייל צו נעמען היינט נאכט דא ביים דינער לכבוד די מתיבתא. רובם ככולם וואס זיצען דא זענען תלמידים פון דעם מקום, וואס פון דא האבן זיי געשעפט זייער תורה, און זייער יראת שמים, אויף זייער גאנץ לעבן. **און ב"ה די ישיבה שטייט היינט אויף זייער א שיינעם פארנעם, עס איז היינט פון די שענסטע מקומות התורה וואס מיר האבן דא אין די שטאט. בחורים זיצען און לערנען יומם ולילה, די קול תורה הערט זיך נישט אויף. עס איז א נחת אריינצוקומען אין בית המדרש וועלכע שעה פונעם טאג, מען קען זיך עס איבערצייגען און אריינקומען. די יראת שמים וואס ליגט אין די לופט פונעם בית המדרש, איז באמת צו באוואונדערן אין די היינטיגע צייטן, אז עס זאל אזוי שיין אויסזעהן.** דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**די** היינטיגע נאכט איז געווידמעט לעילו נשמת פון א תלמיד פון די מתיבתא, **ר' יואל טירנויער זכרונו לברכה**. מען האט פריער געהערט, ווי מען האט ארויסגעברענגט זיינע מעלות און זיינע שבחים, און וויפיל מען זאל רעדן, קען מען נישט גענוג ארויסברענגען וואס פאר א אויסערגעוועגליכער מושלם'דיגער יונגערמאן ער איז געווען. זיין חיות אין תורה, אין עבודה, און אין גמילות חסדים, איז געווען אויף גאר א הויכע מדריגה. ער האט פארשטאנען אן ענין בשעת מען האט געלערנט, און גוט אדורכגענומען יעדע זאך. ווי מען האט געדארפט טון עפעס חסד, פאר די בחורים, צו פאר אנדערע, איז ער שטענדיג געווען גרייט צו טון. שפעטער ווען ער איז אנגעקומען קיין אנטווערפן האט ער גענומען אויף זיך דעם גאנצען עול פונעם כולל. א עסקן אין יעדע דבר שבקדושה. זיינע מדות זענען געווען אויסערגעווענליך שיין, איידל, ערליך, וואס איז א זעלטענהייט. אשרי מי שחתמו ימיו במהרה (אגרת הרמב"ם), אמאל ווען א מענטש איז זיך משלים אין א פריערדיגער זמן, קומט דער צייט, און דער אייבערשטער נעמט אים אוועק. מיר קענען נישט די חשבונות אויבן אין הימל. די עלטערן זיינע, ר' ישראל, וואס איז א תומך נאמן פאר די מתיבתא אלע יארן, האט צוגעשטעלט דעם היינטיגן אווענט לעילוי נשמתו.

**איך** האב אמאל געזאגט, אז מען געפונט אין די גמרא (שבת ל.) אז דוד המלך האט געבעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים מודיע זיין ווען עס איז זיין זמן אוועקצוגיין פון די וועלט. הודיעני ה' קצי, ומדת ימי מה היא, אדעה מה חדל אני (תהלים לט-ה). האט דער אייבערשטער געזאגט, אז מען איז נישט מודיע פאר א מענטש זיין צייט. אבער אזויפיל האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז שבת וועט ער אוועקגיין פון די וועלט. און יעדען שבת איז דוד המלך געזעסן און געלערנט, אז די תורה זאל מגין זיין אויף אים. ביז עס איז געקומען דער שבת וואס דער אייבערשטער האט אים געוואלט צונעמען פון די וועלט, האט דער אייבערשטער צוגעפירט, אז ער האט מפסיק געווען אינמיטן זיין לערנען, און דער מלאך המות האט געקענט צוקומען צו אים. - די וועלט זאגט, אז וועגן דעם

ווערט די סעודה פון מלוה מלכה, אנגערופן סעודתא דדוד מלכא משיחא, ווייל דוד המלך האט יעדן מוצאי שבת געמאכט א סעודה, אז דער שבת איז אדורכגעגאנגען, און ער איז נישט נסתלק געווארן.

**אזוי** ווי ער איז נסתלק געווארן אין שבת, האט שלמה המלך געשיקט פרעגן די חכמים, אבא מוטל בחמה, דער טאטע ליגט אינדרויסן אויף די זון, צו מען קען אים מטלטל זיין. האט מען אים געענטפערט, הנח עליו ככר או תינוק, מען זאל ארויפלייגן א ככר אדער א תינוק, און א ככר או תינוק איז לאו דווקא, נאר יעדע דבר היתר וואס מען לייגט ארויף אויף א מת, מעג מען אים מטלטל זיין דורך דעם.

**איך** האב געטראכט, וואס האט שלמה המלך געמיינט צו פרעגן, ער האט דאך אויך געוואוסט די הלכה אז א מת איז מוקצה, און אז מיט א דבר היתר קען מען אים מטלטל זיין. עס קען זיין אז די שאלה איז געווען, דוד מלך ישראל איז דאך חי וקים (ר"ה כה.). שלמה המלך האט משיג געווען אז דוד המלך שטארבט נישט, דוד המלך לעבט ווייטער. האט ער געפרעגט, צו מען מעג אים מטלטל זיין, אפשר האט ער נישט די הלכה ווי א מת וואס איז מוקצה. און מען האט אים גע'פסקנ'ט אז ניין, אפילו טאקע דוד מלך ישראל איז חי וקים, פון דעסטוועגן דאך האט ער דעם דין פון א מת, און מען טאר אים נישט מטלטל זיין, נאר דורך א ככר או תינוק.

**דער** ענין וואס מען איז מטלטל א מת דורך א ככר או תינוק, ליגט דערין א רמז. א מענטש איז א הולך. ווילאנג ער לעבט אויף די וועלט, קען ער אויפטון, יעדן טאג וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש לעבן, דארף ער זעהן אריינצוכאפן וואס ער קען, טון מצות און מעשים טובים, און שטייגן אין תורה און אין עבודת ה'. אבער במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם, נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.), און ער בלייבט שטיין אויף איין פלאץ, ער קען נישט ווייטער גיין. ווי אזוי איז אבער דא א מעגליכקייט, אז מען זאל קענען מטלטל זיין א מת, אז מען זאל קענען מאכן דעם מת פאר א הולך ווייטער אויך. אז מען לייגט אויף אים ארויף א ככר, אז מען גיט צדקה לעילוי נשמתו, מען טוט דברים טובים פאר זיינעט וועגן, איז מען מיט דעם מזכה א מת, אז אפילו בשעת ער איז שוין אויף יענעם עולם, טוט אים די צדקה און די חסד וואס ווערט געטון פאר זיינעט וועגן, מעלה זיין.

**מען** האט געפרעגט, ווי אזוי קען מען מטלטל זיין א מת. האט מען געענטפערט, הנח עליו ככר או תינוק, מיט א ככר וואס מען לייגט ארויף אויף א מת, מיט דעם איז מען אים מעלה, און מיט דעם קען מען אים מטלטל זיין. - עס איז באמת זייער געאייגענט, מען רעדט דאך דא צווישן חברים וואס האבן אים געקענט, און עס בלייבט א זכרון נצח פאר די חברים, וואס וועלן אים ווייטער שטענדיג געדענקען, און פאר די עלטערן וואס האבן זיך צוגעשטעלט דערצו, ארויסצוהעלפן פאר די מתיבתא, כדי די נשמה זאל האבן אן עליה, און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

*

**די** וואך אין די פרשה רעדט מען אז מען דארף בויען א משכן פארן אייבערשטען. ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אויפן בנין המשכן, האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט דערצו די מצוה פון שבת. רש"י זאגט, כדי צו לערנען אז מען טאר נישט דוחה זיין שבת, כדי צו בויען די משכן. האט ער קודם מזהיר געווען אויף שבת, און נאכדעם האט ער געזאגט, קחו מאתכם תרומה לה'. די מפרשים שטעלן זיך, אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די ציווי פאר משה רבינו האט ער קודם מקדים געווען דעם משכן, און נאכדעם האט ער געזאגט די הלכה פון שבת. און פארוואס האט משה רבינו געטוישט, און ער האט אנגעהויבן קודם מיט די מצוה פון שבת, און נאכדעם האט ער גערעדט וועגן בויען א משכן. וואס איז דער ענין, אז משה רבינו האט מקדים געווען שבת, פארן בנין פונעם משכן. - און מען זעהט אויך, אז אלע מלוה מלכא דינער'ס מאכט מען מוצאי שבת. ווען מען גייט ארויס פונעם שבת, גייט מען בויען א משכן פארן אייבערשטען. איז דאך טייטש, אז עס האט עפעס א קשר די צוויי זאכן איינס צום אנדערן.

**מען** זעהט נאך א דבר פלא, אז דער אייבערשטער האט נישט ארויפגעלייגט א חיוב, אז יעדער דארף געבן נדבת המשכן, ויקחו לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, ווער עס האט א גוט הארץ, זאל קומען און בויען א משכן. וויל ער געבן א משהו, זאל ער געבן א משהו. וויל ער געבן אסאך, זאל ער געבן אסאך, וויל ער גארנישט געבן, דארף ער גארנישט געבן. עס איז נישט געווען א מצוה, אז א מענטש איז מחויב צו געבן געלט פארן בנין המשכן. אז ער וועט געבן, וועט מען נעמען, אבער עס איז נישטא א חיוב, אז מען מוז געבן. אויסער פאר איין זאך אינעם משכן, האט דער אייבערשטער געהייסען, אז יעדער יוד איז מחויב צו געבן. פאר די אדנים פון די משכן, האט מען עקסטער צוזאמגענומען א מחצית השקל פון יעדן יוד, און יעדער יוד האט געדארפט האבן א חלק אז מען זאל קענען אויפשטעלן די אדנים פונעם משכן. וואס איז די אדנים אנדערש פון אלע אנדערע זאכן, אז יעדער יוד האט געדארפט האבן א חלק דערין, און ער האט נישט געדארפט האבן א חלק אין די ארון און די שלחן און די קרשים.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון. מען ווייסט, אז אין היינטיגע צייטן, אז בחורים זאלן וואקסען ערליך אין תורה און יראת שמים, אויף א וועג אז דאס ערליכקייט זאל ווערן איינגעבאקען אין זיי, אז ווען מען גייט ארויס שפעטער אין די וועלט, זאל מען נישט נאכלאזן, נאר מען זאל בלייבן מיט די זעלבע ערליכקייט און קדושה וואס איז געווען פון פארדעם, ווי מען האט פריער געהערט, לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם (תהלים לד-יב), נישט נאר ווען מען איז אינעווייניג אין ישיבה, נאר 'לכו בנים', ווען מען גייט אוועק פון די ישיבה, זאל מען קענען בלייבען מיט דעם זעלבן יראת שמים וואס מען האט געהאט, איז פון די עבודת קשות שבמקדש. עס איז קיינמאל נישט געווען אזעלכע שווערע זמנים, ווי מען האט היינט. תיכף ווען מען גייט ארויס פון די ד' אמות פונעם בית המדרש, איז מען אפען צו א טריפה'נע וועלט, וואס רייצט אן אוועקצוגיין פון די דרכי התורה. און מען דארף היינט אריינלייגען זייער אסאך כוחות אין די יונגווארג, ווען מען איז נאך יונג, בשעת מען הייבט זיך אן צו בויען, אז מען זאל אויסוואקסען גרויס אין תורה, און יראת שמים. זיך אויסצולערנען צו דאווענען, און האבן מדות טובות, ווייל דאס טוט האלטן דעם מענטש שפעטער. יעדע ביסל עבודה וואס מען לייגט אריין אין די יונגע יארן, דערקענט זיך דאס שפעטער אויפן גאנצן לעבן.

**די** קומענדיגע דור ווערט דאך אויפגעשטעלט, פון די אלע בחורים וואס וואקסען אויס אין די ישיבות. און עס קוקט עפעס אויס, אז די עבודה אויפצושטעלן יודישע שטובער, האט מען איבערגעגעבן אז דאס באלאנגט פאר די עסקנים פון די הנהלה, צו פארן ראש ישיבה, אדער פארן רב, עס איז זייער ארבעט וואס זיי דארפן טון, און די וועלט איז פטור דערפון. זיי זענען בעלי בתים, און עס געהער נישט צו זיי. עס איז אבער נישט ריכטיג. **אויפצושטעלן דעם קומענדיגען דור, איז א עבודה וואס פארלאנגט זיך פון אונז אלע. מיר זענען אלע שותפים דערין, עס איז נישט אז מיר זענען שנארער'ס, און מען קומט בעטן א נדבה, אז מען זאל צוהעלפען פאר די ישיבה, אז די ישיבה זאל קענען וואקסען. נאר עס איז א חיוב אויף יעדן יוד צוצוהעלפן, אז זיינע קינדער, און יענעמס קינדער, צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל, זאלן זיין יודעי שמך ולומדי תורתך, אז עס זאל אויסוואקסען א דור פון ערליכע יודען, וואס זאלן ווייטער ממשיך זיין דעם שלשלת הזהב. עס איז א עבודה וואס געהער פאר יעדן יוד, יעדער יוד איז מחויב צו טון זיין חלק.**

**נישט** יעדער איינער קען לערנען תורה מיט אנדערע, און נישט יעדער איינער קען זיין א משפיע פאר א צווייטן, אבער עס איז אזוי ווי א ביזנעס. יעדע ביזנעס איז דא איינער וואס לייגט אריין דאס געלט, און איינער וואס טוט די ארבעט, און זיי זענען שותפים אין די ארבעט. און ווען די צוויי שותפים קומען זיך צוזאם, דער וואס טוט די ארבעט, און דער וואס אינוועסטירט אין די ארבעט, און ער זאגט אז מען דארף אינוועסטן אין דעם נאך געלט, איז דאס נישט אז ער בעהט א נדבה, און יענער גיט א נדבה, נאר עס איז דיין פליכט. דו ביסט א חלק אין די ביזנעס, עס איז דיין ריוח, ווען עס וועט זיין ריוח, און עס איז דיין פליכט צוצוהעלפען דערצו.

**כלל** ישראל זענען שותפים אין אויפשטעלן מקומות התורה. עס איז דא וואס טוען די ארבעט פון אינווייניג, זיי לערנען, זיי זענען מרביץ תורה. אבער אין די זעלבע צייט דארף מען האבן די שותפים, די תומכי תורה, וואס טוען צוהעלפען דערצו, אז עס זאל קענען בליען תורה. און זיי דארפן פילן פאר א זכיה, אז זיי האבן אזעלכע וואס נעמען זיי אריין, און זיי קענען אינוועסטן צוזאמען אין בויען שטובער פון תורה.

**די** אדנים דאס איז געווען די ערשטע זאך מיט וואס מען האט געמאכט די משכן. מען קען נישט אראפשטעלן די ברעטער וואס האבן געהאט שתי ידות, נאר ווען מען האט קודם אראפגעלייגט די אדנים, און אויף די אדנים האט מען ארויפגעלייגט די קרשים. און אין דעם דארף יעדער יוד האבן א חלק. ווען עס איז דא א משכן וואס שטייט שוין, נאר מען דארף האבן כלים אינעווייניג, האט די תורה נישט ארויפגעלייגט א חיוב, אז יעדער מוז האבן א חלק דערין, נאר יעדער איינער קען זיך אויסקלויבן ווי אזוי ער וויל. אבער פאר די אדנים פון די משכן, דארט האט דער אייבערשטער געהייסן, אז יעדער יוד זאל האבן א חלק דערין.

**יעדער** יונגערמאן וואס האט חתונה, שטעלט אויף א שטוב וואס איז א משכן פארן אייבערשטען. ווען שטעלט מען אראפ די אדנים פאר די משכן? אין די יונגע יארן. דאס שטעלט אויף די מענטש, אויף אלע זיינע יארן שפעטער. די כוחות וואס מען לייגט אריין אין די יונגע בחורים, דאס איז די אדנים, וואס זיי גייען האלטן שפעטער די יודישע שטובער. און וויפיל מען האט צוגעהאלפען און גרינגער געמאכט, אז מען זאל קענען אריינלייגן אין די בחורים תורה און עבודת ה', דאס איז דער כח וואס וועט ארויסוואקסען דערפון שפעטער. און צו דעם דארף יעדער זיין א שותף. אויפצובויען יודישקייט איז נישט געגעבן געווארן נאר פאר נדבות, דער גיט מער און איך געב ווייניגער, נאר יעדער יוד איז מחויב צו האבן א חלק אין די אדנים פון די משכן.

*

**איך** האב געזען שטיין פון **רבי שלמה גאנצפריד**, דער בעל **קיצור שלחן ערוך**, ער האט געמאכט א ספר אויף די תורה, מיטן נאמען **אפריון**. שרייבט ער א טעם, פארוואס דער אייבערשטער האט מקדים געווען שבת פארן משכן. - און אין פסוק שטייט, ששת ימים תיעשה מלאכה, די זעקס טעג ווערט געטון די מלאכה. עס שטייט נישט ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, נאר ששת ימים תיעשה מלאכה, וביום השביעי יהיה לכם קודש, שבת שבתון לה'. האט ער געזאגט, צו האלטן שבת קען אויסקומען פאר א יוד זייער שווער. זיין פרנסה איז צו די גאס, און יעדן טאג וואס ער פארמאכט דאס געשעפט, קוקט אויס ווי ער נעמט אראפ א חלק פון זיין פרנסה, וואס ער וואלט געקענט פארדינען. און עס איז אסאך מאל א נסיון פאר א מענטש, צו פארמאכן זיין געשעפט אין שבת, ווען ער קען פארדינען דערין.

**די** נסיון האט נאר א יוד וואס מיינט אז ער האט זיין הצלחה, פון וויפיל שעות ער לייגט אריין אין די ארבעט. האט ער אריינגעלייגט ווייניג, וועט ער האבן ווייניג הצלחה, וועט ער אריינלייגען מער, וועט ער האבן מער הצלחה. יעדע שעה וואס ער האט געקענט עפעס טון, און מען לאזט אים נישט טון, פעלט אים פון זיין הצלחה. **אבער א יוד וואס גלייבט, אז כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה עד ראש השנה** (ביצה טז.), **מען האט שוין אפגע'פסקנ'ט ראש השנה, אלעס וואס דו דארפסט האבן א גאנץ יאר. עס איז שוין אלעס אפגעשריבן, דו טוסט שוין גארנישט, א מענטש דארף נאר טון השתדלות, ארויסגיין און טון זיין ארבעט, אבער דיין פארדינסט איז נישט תלוי אין דיין מלאכה. וואס דו וועסט נאר טון פאר דיין השתדלות, וועט דיר דער באשעפער מזמין זיין, אז דו וועסט האבן וואס דו דארפסט צו האבן. פאר אזא מענטש איז נישט שווער צוצומאכן דאס געשעפט אין שבת, פארקערט ער דאנקט דעם אייבערשטען אז ער האט א טאג מנוחה. שבת וועל איך ממילא האבן מיין פרנסה, וואס עס איז מיר אנגעשריבן. א גאנצע וואך דארף איך טון מיין השתדלות, און שבת האט מען אראפגענומען פון מיר מיין השדתלות, אז איך דארף עס נישט טון, איז דאך זייער גוט. איך וועל ממילא האבן וואס איך דארף, וואס דארף איך**

**ארבעטן אומזיסט.** קומט אויס, אז עס איז ביי אים נישט קיין נסיון צו האלטן שבת.

**זאגט** דער בעל **קיצור שלחן ערוך**, די תורה זאגט, ווען עס איז ששת ימים תיעשה מלאכה, ווען דו וועסט פארשטיין אז אין די זעקס טאג ווערט געשען די מלאכה, עס איז נישט דיין מלאכה, אז דו טוסט, דו ברענגסט אריין, דו ארבעטסט, נאר ששת ימים תיעשה מלאכה, די זעקס טעג ווערט געשען דיין ארבעט, דיין פארמעגן ווערט פון זיך אליין געשאפן אין די זעקס טעג, דער רבונו של עולם האט דיר שוין צוגעטיילט וואס דו דארפסט האבן, וועט זיין ביי דיר דער יום השביעי שבת שבתון לה'.

**און** דער אייבערשטער האט מסמיך געווען די מצוה פון שבת צום משכן. ווען א מענטש לעבט מיט דעם געדאנק, אז דער רבונו של עולם גיט אלעס, כי ממך הכל ומידך נתנו לך (דברי הימים א כט-יד), אלעס האבן מיר פון דיר, און וואס מיר געבן פאר דיר, געבן מיר פון דיין האנט. דער רבונו של עולם האט גענוג צו געבן פאר יעדן איינעם, און ער גיט פאר יעדן איינעם. ווען דער באשעפער בעהט אז מיר זאלן געבן פאר זיינעט וועגן אויף צו בויען תורה, דארף נישט דער אייבערשטער אונזער געלט, לי הכסף ולי הזהב נאום ה' (חגי ב-ח), דער אייבערשטער וויל אונז נאר מזכה זיין, ער וויל אונז געבן א זכות, אז מיר זאלן האבן די מעגליכקייט צו בויען תורה. **ווען א יוד ווייסט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, און פאר יעדע פרוטה וואס ער גיט אוועק, ברענגט ער א ברכה אינעם שטוב, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך** (דברים טו-י), **די ברכה וואס א מענטש האט, איז אין זכות פון דעם וואס מען טוט גוטס, מען טוט חסד, מען גיט צדקה, אין דעם זכות קומט אריין די ברכה, פאר אים קומט נישט אן שווער צו געבן צדקה, ווייל ער ווייסט איך פארליר גארנישט. עס איז מיר באשערט וואס איך זאל האבן, און ווען איך וועל געבן צדקה, האט מיר דער אייבערשטער צוגעזאגט, אז ער וועט מיר געבן נאכמער, גיט ער מיט א ברייט הארץ, וואס ער דארף צו געבן.**

**האט** דער אייבערשטער מקדים געווען פארן משכן די מצוה פון שבת, ווייל שבת לערנט אונז, אז עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, דער אייבערשטער איז דער בעל הבית אויף דער וועלט, און דער באשעפער גיט פאר יעדן איינעם וואס ער דארף צו האבן. שבת איז א אות ביני ובין בני ישראל, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז). ווען א מענטש לעבט מיטן שבת, דער שבת לייכט ביי אים, אז עס איז נישטא א זאך וואס פאסירט פון זיך אליין, עס איז דא א רבונו של עולם וואס גיט אלעס פאר א מענטש, און דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל טון חסד, און פון דעם וועט מען נישט דערלייגען. ווען א מענטש לעבט מיט דעם שבת, נאכדעם ווען מען בעהט פון אים, געב א נדבה פארן בנין פונעם משכן, גיט ער מיט א ברייט הארץ. האט דער אייבערשטער מקדים געווען קודם שבת פאר נדבת המשכן, אז ווען מען וועט לעבן מיטן שבת, דעמאלטס וועט מען געבן נדבות המשכן מיט א ברייט הארץ.

**דאס** האט אבער אויסגעפעלט נאר נאכדעם וואס יודען זענען געפאלן פון זייער מדריגה. ביי מתן תורה זענען יודען געווען אין א בחינה פון אני אמרתי אלקים אתם ובני עליון כולכם (תהלים פב-ו), יודען זענען געווען דערהויבן, נעקר יצר הרע מלבם (עיין ע"ז ה.), זיי האבן נישט געהאט א יצר הרע. ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו תיכף נאך מתן תורה, אז ער זאל מצווה זיין יודען צו מאכן דעם משכן, האט משה רבינו נישט געדארפט מסביר זיין, אז דו וועסט גארנישט פארלירן פון דיין געלט, און מקדים זיין די מצוה פון שבת, אז ווען דו וועסט געדענקען די מצוה פון שבת וועט דיר גרינג אנקומען צו געבן געלט, ווייל יודען זענען געווען אין א הויכע מדריגה, מען האט געפילט פאר א זכות, אז מען קען בויען א משכן פארן אייבערשטען, און זיי וועלן אלעס אוועקגעבן צו בויען א משכן פארן באשעפער. מען מוז אים נישט דערמאנען די מצוה פון שבת, אז ער זאל טון חסד, ער האט עס אליין געוואוסט. ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אויף די מלאכת המשכן, האט דער באשעפער געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל

גראד צוגיין צום פונקט, ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו, מען רעדט צו א פאלק וואס איז אני אמרתי אלקים אתם, געטליכע מענטשען, ווער וועט נישט געבן צו בויען א משכן פארן אייבערשטען, האט מען געקענט קודם מקדים זיין דעם ענין פון משכן. מען האט נאר נאכדעם צוגעגעבן די הלכה פון שבת, אז שבת טאר מען נישט טון די עבודה פונעם משכן.

**אבער** ווען משה רבינו האט עס מצווה געווען, איז שוין געווען ממחרת יום הכיפורים, נאכדעם וואס יודען האבען געמאכט די עגל, און מען איז געפאלען פון די מדריגה, אכן כאדם תמותון וכאחד השרים תפולו (תהלים שם), חזרו יצר הרע אל לבם, דער יצר הרע איז צוריקגעקומען. ווען מען האט א יצר הרע, איז שווער צו געבן געלט. דארף מען קודם מקדים זיין די מצוה פון שבת, מען זאל געדענקען פונעם שבת, אז עס איז דא א בעל הבית אויף דער וועלט, דער אייבערשטער גיט אלעס פאר א מענטש, און ווען דער באשעפער בעהט פון אונז, נעמט ער נישט צו פון אונז, ער גיט אונז נאר א מעגליכקייט אז מיר זאלן קענען טון חסד, און ער זאל קענען ממשיך זיין פאר אונז א ברכה, האט משה רבינו קודם מקדים געווען שבת, און נאכדעם האט ער געגעבן די ציווי פונעם משכן.

**מען** זיצט דא מיט תלמידים און נאנטע, וואס רובם ככולם וואס זענען דא, האבן צו פארדאנקען זייער יודישקייט פאר **מתיבתא נחלת יעקב**, אדער פאר די קהלה פון עדת יראים. דאס וואס זיי האבן אויפגעשטעלט ערליכע דורות, שטובער פון תורה, איז אלעס פון וואס מען האט זיך קונה געווען אין די יונגע יארן אין דעם מקום. **און עס ליגט א עקסטערע פליכט דאס צו געדענקען שטענדיג, נישט האבן קיין כפיית טובה, נאר מכיר טובה זיין, אין דעם מקום בין איך נתחנך געווארן, אין דעם מקום האב איך באקומען מיין ערליכקייט. וואס איך בין היינט ערליך, און איך האב א ערליכע שטוב, איז פון מיינע יונגע יארן וואס איך האב דא געלערנט, און איך האב דא מקבל געווען. און עס ליגט א חיוב דאס צו נעמען יעצט צום הארץ, ווען עס קומט איינמאל אין יאר, וואס דאס איז די אדנים פונעם משכן. די מלוה מלכה וואס מען מאכט פאר די מתיבתא, דאס איז די עקזיסטענץ וואס זאל קענען האלטן די מתיבתא. דארף מען זיך אנשטרענגען און געבן מיט א ברייט הארץ.**

**יודען** געבן דאך זייער אסאך צדקה, **אבער א מענטש זאל מאכן א חשבון פון די צדקות וואס ער גיט. וועט ער אסאך מאל זעהן, אז אויף די פלאץ ווי ער איז נתחנך געווארן, און פון ווי ער לעבט, אויף דעם מקום קומט אן גאנץ א קליינע פראצענט פון זיין צדקה. און עס איז נישט ריכטיג, עס איז דא א מדה פון הכרת הטוב. ביזט נתחנך געווארן אין א מקום, דא האסטו באקומען וואס דו ביזט אויסגעוואקסען, דארף מען עס שטענדיג געדענקען, און זעהן מחזק צו זיין בגוף ובממון, מיט וואס מען קען.** - ישראל קדושים, מען רעדט פון ערליכע יודען וואס זענען מחזיק תורה מיט א ברייט הארץ, וועט זיי דער אייבערשטער אוודאי באצאלן, מיט די ברכה וואס איז דא פאר די וואס טוען חסד, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח).

**איך** מוז ארויסברענגען א הכרת הטוב פאר דעם מנהל גשמי פון די מתיבתא, און פון די איבריגע מוסדות פון ווילאמסבורג, רבי **שמואל דוד פישער** זאל זיין געזונט, עס לאזט זיך גארנישט זאגן די כוחות וואס ער לייגט אריין צו שאפן געלט. מען איז אין די לעצטע צוויי דריי יאר אריינגעקומען אין פראדזעקט"ס פון שווערע מיליאנען דאלערס. מען האט געקויפט א נייע מיידל קעמפ, מען האט געבויט א פרישען בית המדרש אין מתיבתא קעמפ אין לאק שעלדריק, ועוד ידו נטויה, מען דארף א פרישע מקוה, מען דארף א פרישע דארמיטארי צום שלאפן. אשרי ווער עס האט א חלק אין צוהעלפן דערצו. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז ער זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת.

**און** פארן מנהל רוחני פון די ישיבה קטנה, און דער מנהל רוחני פון די ישיבה גדולה, עס לאזט זיך גארנישט זאגן, די ארבעט וואס זיי לייגען אריין אין די בחורים. **און עס איז כמים הפנים לפנים, דאס ליבשאפט וואס איז דא צווישן די בחורים און דעם מנהל איז א זעלטענהייט צו זעהן. כאטש מען לאזט**

**נישט נאך, און מען פארלאנגט, און מען שטייט אויפן קאפ, אז מען זאל זיך פארהערן און מען זאל קענען, און אלעס גייט מיט א דיציפלין, פון דעסטוועגן דאך ווייסט מען, אז מען טוט עס נאר פאר ליבשאפט צו די בחורים, און עס איז דא א געוואלדיגע קשר צווישן די בחורים מיט די מנהלים.** איז דא צו האפן אז דער אייבערשטער וועט זיי געבן אז זיי וועלן קענען אויספירן זייער מלאכת הקודש וואס דער אייבערשטער האט זיי איבערגעגעבן אין די הענט. און מיר אלע זאלן קענען זיין שותפים אינאיינעם. געדענקען אז מיר זענען שותפים, מיר געבן נישט קיין נדבות, נאר מיר בויען צוזאמען דעם בית ה', מיר אלע אינאיינעם טוען אויפבויען יודישע שטובער אויפן קומענדיגע דור.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן אלע האבן הצלחה. די וואס טוען אין די עבודת הקודש זאלן האבן הצלחה אין זייער עבודת הקודש. די וואס זענען אינדרויסן אויף די גאס, און זיי ברענגען אריין די החזקה פאר די ישיבה, זאל זיי דער אייבערשטער בענטשן, אז זיי זאלן מצליח זיין אין אלע זייערע וועגן. און די אלע וואס טוען, זאל זיי דער באשעפער צושיקן ברכה און הצלחה. די עיקר וואס מען דארף היינט האבן א ברכה, איז פאר קינדער, עס זאל קענען אויפוואקסען ווייטער ערליכע יודישע דורות, נישט אוועקגיין פונעם ריכטיגען וועג, מען זאל קענען זעהן ביי זיי נחת דקדושה, פאר דעם דארף מען מתפלל זיין, און בעטן שטענדיג פונעם רבונו של עולם. זאל דער אייבערשטער געבן, אז אין זכות וואס מען איז מוקיר רבנן, זאגט דאך די גמרא (שבת כג:), אז ווען מען העלפט פאר תלמידי חכמים, איז מען זוכה צו האבן ערליכע קינדער. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל געבענטשט ווערן מיט אלעס וואס מען דארף צו האבן. עס איז חודש אדר, משנכנס אדר מרבין בשמחה, זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המלוה מלכה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החנוכת הבית לבית המדרש יאוואזשנא.

# פרשת פקודי כ"ו אדר א' – ב' אדר ב' תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **בנימין זאב שפיצער** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק פינטער** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ט סעיף ז') **בבית מדרשנו**. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה האט דער אייבערשטער מצווה געווען אז מען זאל צוזאמנעמען נדבות פארן משכן. און ער האט מסמיך געווען די מצוה פון שבת, אז כאטש מען דארף טון פארן משכן, אבער מען זאל נישט מחלל שבת זיין. די מפרשים שטעלן זיך, אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון נדבות המשכן אין פרשת תרומה, האט ער קודם געזאגט ויקחו לי תרומה, און שפעטער אין פרשת כי תשא ווערט דערמאנט די מצוה פון שבת. און משה רבינו האט געטוישט, ער האט אנגעהויבן פרשת ויקהל מיט די מצוה פון שבת, און נאכדעם האט ער געזאגט ויקחו לי תרומה.

**עס** קען זיין די טעם פארוואס משה רבינו האט משנה געווען, ווייל אין די גמרא (שבת ו:) איז דא א סתירה פון צוויי ברייתות לגבי א מדבר, צו עס האט א דין ווי א רשות היחיד, אדער ווי א רשות הרבים. און די גמרא זאגט, אז עס ווענט זיך. ווען ישראל זענען שרויין במדבר, האט עס איין הלכה, און ווען ישראל זענען נישט שרויין במדבר, האט עס א צווייטע הלכה. רש"י טייטשט, אז ווען זיי זענען געווען שרויין במדבר, האט עס געהאט די דין ווי א רשות הרבים, ווייל עס איז געווען דארט ששים רבוא יודען, אבער א ליידיגע מדבר האט נישט א דין ווי א רשות הרבים, נאר ווי א כרמלית.

**דער** רמב"ם (הל' שבת יד-א) לערנט פארקערט, אז א מדבר איז א רשות הרבים, וויבאלד עס איז אפען און מענטשען קענען גיין דארט. אבער ווען יודען זענען געווען אינעם מדבר, האט די מחנה פון יודען געהאט א דין פון א רשות היחיד. און די מפרשים זענען מסביר, פארוואס האט עס געהאט א דין ווי א רשות היחיד, וועגן צוויי סיבות. איינס, ווייל מען איז געווען ארומגענומען מיט די אהלים, האט עס געהייסען ווי א מחיצה אויף די פלאץ ווי מען איז. אין **מרכבת המשנה** שטייט, אז וויבאלד מען איז געווען ארומגענומען מיט די ענני הכבוד, איז די ענני הכבוד געווען א מחיצה, איז עס געווען א רשות היחיד.

**קומט** דאך אויס לויט דעם רמב"ם, אז דארט ווי יודען זענען געווען, איז געווען א רשות היחיד. און אז עס איז געווען א רשות היחיד, האט מען דארט געקענט טראגען אין שבת. און אז מען האט געקענט טראגען אין שבת, האט משה רבינו געקענט מצווה זיין צו ברענגען נדבות המשכן אויך אין שבת, ווייל מען מעג דאך דארט טראגען. די מצוה פון שבת איז נאר נוגע אויף שפעטער, ווען מען וועט מאכן די ארון מיט די שלחן וכדומה, צו דעם איז נוגע אז שבת טאר מען נישט טון די ל"ט מלאכות. אבער לגבי ויקחו לי תרומה, צו נעמען נדבות, האט מען געקענט נעמען אויך אין שבת.

**דאס** איז אלץ פאר די וואס זענען געווען אינווייניג אינעם ענן, אבער נאכן חטא העגל איז דאך שוין געווען חוטאים ביי יודען, און די וואס האבען חוטא געווען, פלטן הענן, זענען געשטאנען אינדרויסן (רש"י דברים כה-יח). די ערב רב וואס האבן חוטא געווען ביים חטא העגל, זענען נישט געווען אינווייניג, זיי זענען געווען אינדרויסען (זוה"ק ח"ב קצא.). קומט דאך אויס, אז די מצוה פון שבת איז געווען נוגע אויך לגבי די נדבות המשכן, אז מען טאר נישט ברענגען אין שבת. די וואס זענען געווען אינווייניג, האבן טאקע געקענט ברענגען אין שבת, אבער עס זענען דאך שוין דא יודען וואס זענען אינדרויסען, און זיי קענען נישט ברענגען אין שבת.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן דעם ציווי פאר משה רבינו, זענען זיי נאך געווען פארן חטא העגל, און פארן חטא העגל זענען אלע יודען געווען אין די ענני הכבוד, האט מען געקענט גראד געבן די מצוה פון ויקחו לי תרומה, אז מען זאל געבן תרומה, ווייל מען איז דאך אין א רשות היחיד, קען מען געבן תרומה. און נאך ויקחו לי תרומה קומט די מצוה פון שבת, אז ווען עס קומט צו עשיית מלאכה, דעמאלטס זאל מען היטן שבת, און מען זאל נישט טון א מלאכה אין שבת. אבער ויקהל משה את כל עדת ישראל, איז דאך שוין געווען ממחרת יום הכיפורים, נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, איז דאך שוין געווען אזעלכע וואס זענען געווען חוץ פון די ענני הכבוד, און די וואס זענען געווען חוץ פון די ענני הכבוד, האבן נישט געקענט ברענגען זייער נדבה אין שבת, האט מען געמוזט מודיע זיין די מצוה פון שבת, בעפאר מען האט גערעדט פון ברענגען די נדבות. ווייל צו די נדבות אליין האט מען אויך גענדארפט אכט געבן אז מען זאל נישט צוקומען צו א חילול שבת.

*

**איך** האב געטראכט, אז מיט דעם קען מען אפשר פארשטיין, וואס די תורה זאגט, אז ווען עס איז געפאלען דער מן, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז פרייטאג וועט פאלן דאפעלט מן, וביום השביעי שבת לא יהיה בו (שמות טז-כו), שבת וועט נישט זיין קיין מן. און די תורה פארציילט, אז אין שבת יצאו מן העם ללקוט, זיי זענען ארויסגעגאנגען אין שבת, ולא מצאו, און זיי האבן נישט געטראפן. און דער אייבערשטער האט זיך געבייזערט, פארוואס מען איז ארויסגעגאנגען, עד אנה מאנתם לשמור מצותי ותורתי. וואס איז געווען דער חשבון פון די וואס זענען ארויסגעגאנגען. משה רבינו האט דאך געזאגט אז עס וועט נישט זיין מן, פארוואס זענען זיי ארויסגעגאנגען קלויבן.

**עס** קען זיין, אז די גמרא (יומא עה.) זאגט, אז די מן איז נישט געפאלען ביי יעדן איינעם איינינג. עס איז געווען צדיקים, און עס איז געווען בינונים, און עס איז געווען רשעים. צדיקים האבן געטראפען דעם מן על פתח ביתם. ווען ער איז ארויסגעגאנגען ביי די טיר, האט ער געטראפען זיין מן. דער בינוני האט געמוזט גיין ביז אינמיטן די מחנה, און דארט האט ער געטראפען די מן. און ביי די רשעים איז געווען שטו העם (במדבר יא-ח), ער האט געמוזט ארויסגיין חוץ למחנה, כדי צו טרעפן די מן.

**נאכדעם** איז געווען א חילוק, ווען מען האט שוין געטראפן די מן. די צדיקים האבן געטראפן לחם, אלעס איז געווען פארטיג, מען האט עס גלייך געקענט ארויפלייגען אויפן טיש און עסן. בינונים איז עס געווען אזוי ווי עוגות, מען האט עס נישט געקענט עסן רויערהייט, מען האט עס נאך גענדארפט קאכען אדער באקן. רשעים, איז געווען דכו במדוכה (שם), זיי האבן עס געטראפען אזוי ווי ווייץ, זיי האבן גענדארפט אדורכגיין אלע מלאכות, ביז זיי האבן עס געמאכט ראוי אז מען זאל עס קענען עסן.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, אז שבת וועט נישט פאלן קיין מן, ווייל עס איז פארבינדן מיט מלאכות. פאר דעם רשע, איז עס געווען פארבינדען מיט מלאכות. ער דארף ארויסגיין חוץ למחנה, כדי ער זאל עס קענען ברענגען, עס איז א שאלה פון הוצאה. און ווען ער ברענגט עס אהיים, דארף ער עס מאלן, און קאכן און באקן, איז עס א מלאכה. פאר אים קען נישט פאלן מן אין שבת. אפילו פאר די בינונים, כאטש די בינונים האבן געטראפן זייער מן אין די מחנה, און די מחנה אליין איז דאך א רשות היחיד, און זיי האבן עס געקענט אהיימטראגען, אבער ער האט דאך נאר געטראפן עוגות, און ער האט עס גענדארפט קאכן און באקן, האט מען עס געמוזט צוגרייטן פרייטאג. אבער די צדיקים האבן לכאורה נישט געהאט א פראבלעם מיטן מן, ווייל אזוי ווי די מן איז געפאלן על פתח ביתם, איז נישט דא א איסור פון הוצאה. און זיי האבן געטראפן פארטיגע מן וואס איז געווען אפגעבאקען, און מען קען עס עסן. קומט דאך לכאורה אויס, אז פאר זיי האט געקענט פאלן דער מן אפילו אין שבת אויך, ווייל עס איז דאך געווען ראוי פאר זיי צו עסן. איי דער אייבערשטער האט געזאגט, אז יעדער וועט באקומען די מן פרייטאג,

דאס איז ווייל אזוי ווי א מענטש האט א בחירה, ער איז דאך נישט זיכער אז אין שבת וועט ער זיין אין די בחינה פון א צדיק, אז עס וועט אים פאלן די מן על פתח ביתו, מוז ער זיך צוגרייטן כדי ער זאל האבן פארדעם. וואס וועט זיין טאמער ער וועט זינדיגען, און שבת וועט ער ווערן ווי א בינוני, און ער וועט נישט טרעפן דעם מן על פתח ביתו, איז ממילא האט מען געמוזט צוגרייטן. אבער דער וואס איז באמת געווען א צדיק, האט לכאורה נישט געהאט א פראבלעם מיט חילול שבת, און פאר אים וואלט געקענט פאלן מן אין שבת אויך. איז קען זיין אז די וואס זענען יצאו מן העם ללקוט, די זענען נישט געווען די רשעים, נאר די צדיקים וואס האבן געוויסט אז זיי זענען צדיקים, און זיי האבן געוואלט פראבירן צו זיי זענען צדיקים, זענען זיי ארויסגעגאנגען, און זיי האבן געקוקט ווי עס איז זייער מן, ווייל ביי זיי איז דאך נישט דא קיין חילול שבת.

**עס** שטייט אבער אין **ספורנו** (שמות טז-כז), אז אויפהייבן די מן פונעם פלאץ, איז געווען אסור וועגן קוצר. עס איז אזוי ווי דער מן איז דארט געוואקסען, און אז מען הייבט עס אויף פונעם פלאץ, איז מען א עוקר דבר מגידולו, און מען איז חייב וועגן קוצר. קומט דאך אויס לויט דעם, אז אפילו ביי דעם צדיק איז אויך געווען א שאלה פון חילול שבת, ווייל אויפהייבן די מן איז אויך געווען א איסור. און וועגן דעם האט דער אייבערשטער געזאגט, עד אנה מאנתם לשמור מצותי ותורתי, ווייל זיי זענען ארויסגעגאנגען זוכען די מן, און אויפהייבן די מן איז אויך א חילול שבת.

*

***<u>יום שני פרשת פקודי</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ווידער ע"ה (אלמנת הר"ר **נפתלי הירצקא ווידער** ע"ה).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**א' מהאבלים:** די אייניקלעך האבן געזאגט, אז מיין מאמע האט נישט געוואוינט אין וויליאמסבורג, זי האט געוואוינט אין סערדאהעלי. מיר האבן פיר זיידעס אין סערדאהעלי, **רבי יהודא אסאד**, און זיין זון **רבי אהרן שמואל**, רבי עזרא צורף, און רבי עזרא צורף'ס זון.

אין טאג פון איר חתונה איז זי געגאנגען אויפן גאס, זי האט נישט געהאט נישט א טאטע און נישט א מאמע. איז צוגעגאנגען צו איר א חבר'טע, און זי האט איר געזאגט, דו ווייסט דאך אז אין די טאג פון די חתונה בענטשן טאטע און מאמע, דו האסט נישט קיין עלטערן, דא וואוינט א ערליכער יוד, דער **סקווירא רבי זצ"ל**, גיי אריין און נעם א ברכה. איז זי אריינגעגאנגען, און ער האט איר זייער ווארעם אנגעוואונטשען. און זי האט אים געבעטן, אז ער זאל קומען צו די חתונה. האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער האט איר געזאגט, מיר גייען נישט צו קיין חתונה'ס, אבער איין זאך וויל איך אייך זאגן, טאמער איר וועט זיך נישט אוועקריקן פון מסורת האבות, וועט איר האבן גראַטענע קינדער. זי האט זיך פון מסורת האבות נישט אוועקגערוקט.

**א' מהמנחמים:** איך האב נאכגעהערט פונעם צעהלימער רב, אז איינער פון זיין בית המדרש האט חתונה געמאכט אין לאנדאן, און ער האט נישט געשיקט הזמנות צו די חתונה, ווייל ווער וועט קומען קיין לאנדאן צו די חתונה. און דער צעהלימער רב איז צוגעגאנגען צו אים, און ער האט אים געפרעגט, פארוואס ער האט אים נישט געשיקט א הזמנה צו די חתונה. האט ער געזאגט, ווייל איך ווייס אז דער רבי וועט נישט קומען. האט ער אים געזאגט, הער מיך אויס, יעדע הזמנה וואס איך באקום, איך גיי טאקע נישט צו די חתונה, אבער ביום החופה נעם איך ארויס די הזמנה, און איך בין מתפלל אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין.

**א' מהאבלים:** איינמאל ערב יום כיפור האט זי געהאט א שאלה אויף א עוף, בין איך אריבערגעגאנגען צום **סאמבאטהעלי'ער רב.** האט ער מיר געזאגט, אז ער פסק'נט שוין נישט קיין עופות. האב איך געזאגט אז מיין מאמע האט מיר געשיקט. האט ער געפרעגט, ווער איז אייער מאמע. האב איך געזאגט, ר' ליפמאן גאלדשטיין'ס טאכטער. האט ער געזאגט, אויב אזוי איז עס א אנדערע זאך. און ער האט גענומען א מעסער, און ער האט עס באקוקט. און ער האט געזאגט, אז מען זאל נישט זאגן פאר די מאמע אז ער האט נישט געוואלט פסק'נען.

דער רב איז יעצט געווען אין סערדאהעלי. מען איז געגאנגען צו די באן? סערדאהעלי איז די איינציגסטע פלאץ אין גאנץ יוראפ, וואס מען האט צוריקגעברענגט די ארגינעלע באנען וואס האבן געפירט די יודען קיין אושוויץ. עס איז ביי די אלטע באן סטאנציע, נישט ביי די נייע. עס איז נישט ווייט פונעם בית החיים. זיבען באנען זענען דארט אין סטאנציע. עס שטייט דארט, אזוי ווי עס איז געווען ווען מען האט זיי אוועקגעפירט.

איך בין געווען איינמאל מיט מיין מאמע אין סערדאהעלי, און דער דרייווער האט אונז אהין געטראגען, און מיין מאמע האט מיר געזאגט, דא זענען די רבנים ארויפגעגאנגען אויפן באן, און דא האט זיך מיין מאמע געזעגנט פון מיר. אבער זי האט מיר דארט געזאגט, פון דא פארן מיר אהיים. זי איז געווען אזוי שאקירט.

זי פלעגט אייביג פארציילן אז דאנערשטאג נאכמיטאג איז מען אריין אין די וואגאנען, און מען איז געפארן א גאנץ שבת, און זונטאג נאכמיטאג איז מען אנגעקומען קיין אושוויץ.

זי האט מיר פארציילט אז ווען דער עולם איז שוין געגאנגען ארויס צום באן, איז **רבי הלל וויינבערגער** צוריקגעגאנגען אין בית המדרש, און זי איז נאכגעלאפן רבי הלל צום בית המדרש, און זי האט געזען ווי אזוי רבי הלל טוט זיך אן א טלית, און ער האט אויפגעמאכט דעם ארון הקודש, און ער האט אזוי געוויינט ביי די ספרי תורה'ס, וויפיל תורה מען האט געלערנט אין דעם שטאט. און נאכדעם איז ער צוריקגעלאפן אין געטא.

זי פלעגט מקפיד זיין נישט ארויסצוקערן פון איין צימער צום צווייטען, כדי מען זאל נישט אדורכטראגען די שמוץ ביי די מזוזה. שפעטער האב איך געטראפן אז עס איז א זוהר אין פרשת ואתחנן (ח"ג רסד.). אין ספר **בקודש פנימה** (דף עז) פונעם **בעלזער רב**, איז דא א שמועס דערוועגן. די היתר איז, ווייל די מזוזה איז איינגעפאקט.

זי האט געהאט איין סינק דא אינדערהיים, און איך האב יארן צוריק געוואלט מאכן צוויי סינק'ס, האט מיר די מאמע געזאגט, ווי אזוי וועל איך געדענקען אז איך בין א יוד, טאמער איך האב צוויי סינק'ס? א גאנצען טאג טראכט מען פון בשר בחלב... - און זי האט מיר געזאגט אפאר יאר צוריק, איך האב קיינמאל נישט טריפה געמאכט א כלי.

זי פלעגט לעצטענס נישט גיין אויפן גאס, ווייל זי האט נישט אויסגעהאלטן אז פרויען רעדן אויפן גאס אויף א טעלעפאן. זי האט אויך אויפגעהערט צו פארן אויף די בארא פארק באס וועגן דעם. זי פלעגט זאגן, וואו איז דאס כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מה-יד), ווי איז דאס אז א יודישע טאכטער רעדט אויפן גאס.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי למנוחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת פקודי</u>***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת מעריב בבית המדרש החדש רודניק (עירמאנט) בראשות **הרה"ג רבי משה בערגער שליט"א**. אחר מעריב קבע **רבינו שליט"א** מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

*

***<u>יום רביעי פרשת פקודי – ערב ראש חודש אדר ב'</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לבית החיים במאנסי, והתפלל אצל הציון של **כ"ק האדמו"ר מסקולען זצ"ל**, ואצל הציון של **כ"ק האדמו"ר מריבניץ זצ"ל**. – בשעות הערב חזר **רבינו שליט"א** למעונו בוויליאמסבורג.

*

***<u>יום חמישי פרשת פקודי</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל תפלת מנחה, אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל יצחק**

**בערנאט** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק אליעזר יאקאב** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת פקודי***

אחר קבלת שבת הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים מהרה"ק **רבי אייזיק מקאלוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ז' אדר ב'). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א**.

אחר תפלת מוסף השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **דוד דוב קאלמאן** הי"ו (בן הר"ר אליעזר קאלמאן הי"ו) שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בהגבהה במנחה, ובברכת המזון בסעודה שלישית, נתכבד **הרה"ג רבי חיים אברלענדער שליט"א** אב"ד ווילעדניק (מאנסי).

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל החנוכת הבית לבית המדרש שער אפרים, שבהנהלת **הרה"ג רבי ישראל חיים אשרי שליט"א**, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויס חשיבות אנטייל צונעמען דא ביי די חנוכת הבית המדרש פון אזא שיינעם מקום תורה, און מקום תפלה, וואס איז פקיע שמיה אין די שטאט, וואס פאר א שיינע ציבור עס איז צוזאמגענומען דא אין דעם מקום, וואס שטייט בראש פון מיין חשוב'ן ידיד, הגאון הצדיק דער רב שליט"א.

**מען** קומט זיך דאך צוזאם מחזק צו זיין און מחנך צו זיין א בית המדרש. די פאר וואכען וואס איז אדורכגעגאנגען, תרומה, תצוה, כי תשא, ויקהל, פקודי, האט מען אלץ גערעדט פון די מצוה ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). וואס דער פשוטער פשט איז, אז דער אייבערשטער האט מצווה געווען אז מען זאל אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטען. אבער אין הייליגע ספרים שטייט, אז עס איז א מצוה אויך אויף לדורות, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו וכן תעשו, לדורות (רש"י שם). יודען דארפן שטענדיג אויפשטעלן א מקדש. און אז עס איז נשטא קיין מקדש, ואהי להם למקדש מעט (יחזקאל יא-טז), אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות (מגילה כט.), דאס איז אונזער בית המקדש. אין די ד' אמות וואס מען האט קובע געווען דארט צו דאווענען, דארט איז די השראת השכינה וואס איז דא ביי יודען.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז אלע ענינים וואס מען האט געזען ביים משכן, איז א לימוד פאר אונזער מקדש מעט, אז מען דארף עס אויפשטעלן אויף דעם וועג ווי אזוי עס איז געווען דארט. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אויפן זעלבן וועג וכן תעשו, אזוי זאל מען טון שפעטער.

**מען** געפונט ביים אויפשטעלן די משכן, אז דער אייבערשטער האט געהייסען ויקחו לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי (שמות כה-ב). פון יעדען יוד וואס וויל מנדב זיין צום משכן, זאל מען נעמען ביי אים א תרומה פארן משכן. די תורה האט נישט געזאגט וויפיל מען זאל געבן, אחד המרבה ואחד הממעיט, יעדער זאל געבן וויפיל ער פארשטייט. און אין פשטות פונעם פסוק קוקט אויס, אז עס איז נישט געווען א חיוב אויף יעדן יוד צו געבן א נדבה צו בויען די משכן, עס איז נאר געווען א ציווי אז מען זאל נעמען. 'ויקחו' לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו 'תקחו' את תרומתי, ווער עס וויל געבן, וועט מען נעמען ביי אים. עס איז דא א מצוה פארן כלל ישראל, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אז מען מוז אויפשטעלן א מקדש, אבער אז יעדער יוד מוז האבן א חלק דערין, איז נישט משמע אין פסוק אז עס איז דא א ציווי דערויף. דאס איז געווען איין תרומה.

**נאכדעם** איז געווען א תרומה פון א מחצית השקל, וואס מען האט געגעבן פאר די קרבנות,

וואס דאס איז יעדער יוד געווען מחויב. די קרבנות זענען מכפר, האט יעדער יוד געדארפט האבן א חלק אינעם קרבן, און יעדער יוד האט געדארפט געבן א מחצית השקל. נאכדעם איז געווען נאך א מחצית השקל, וואס פון דעם האט משה רבינו געמאכט די אדנים פאר די משכן, און יעדער יוד האט געדארפט געבן, כדי צו האבן א חלק אין די אדנים פון די משכן. און עס איז א געוואלדיגע פליאה, אויף אלעם וואס איז דא אינעם משכן איז נישט געווען א חיוב אז א יוד זאל געבן. ער דארף נישט געבן צום ארון, און צום שלחן, און צו די קרשים, ווער עס וויל מנדב זיין וועט געבן, אבער צו מאכן די אדנים פונעם משכן, האט יעדער יוד געדארפט האבן א חלק אין די אדני המשכן. קומט דאך דאס עפעס צו לערנען.

**איך** האב אמאל געזאגט, אז די פשט דערפון איז, ווען מען בויעט א משכן, און מען דארף אראפלייגען א יסוד, דארף יעדער יוד האבן א חלק אין אראפלייגען א יסוד פון א בית ה'. נאכדעם וואס דער יסוד איז שוין אויפגעשטעלט, און מען דארף עס ווייטער אנהאלטן וכדומה, דאס קענען שוין טון יחידים אויך. אבער דעם שורש, אראפצולייגען א יסוד פאר א משכן, דארף יעדער יוד האבן א חלק דערין.

**די** אדני המשכן, די האבן געהאלטן דעם משכן. אן די אדנים קען נישט שטיין דער משכן. די קרשים אליין קענען נישט שטיין, די קרשים האבן געדארפט האבן די אדנים, דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס מען האט אראפגעשטעלט אויף די ערד אויפצושטעלן א משכן, אז עס זאל קענען שטיין. און צו דעם דארף יעדער יוד האבן א חלק, איז וועגן דעם האט יעדער יוד געדארפט געבן א מחצית השקל.

*

**אבער** עס ליגט דערין נאך טיפער. מען זעהט, אז ביי די נדבות המשכן האט יעדער געקענט געבן. די תורה האט געזאגט, מאת כל איש אשר ידבנו לבו, פון יעדעם איינעם, בני ישראל, ערב רב, יעדער האט געקענט האבן א חלק אין נדבות המשכן.

אבער צו די אדנים פון די משכן, האט מען נאר גענומען א מחצית השקל, און די תורה רעכנט אויס, אז עס נישט געווען מער ווי שש מאות אלף ושלשת אלפים וחמש מאות וחמשים מחצית השקל'ס (שמות לח-כו), דריי הונדערט טויזנט שקלים איז געווען, פון וואס מען האט געמאכט די אדני המשכן. מען האט נישט גענומען פון די ערב רב, נאר פון בני אברהם יצחק ויעקב.

**דאס** קומט אונז צו לערנען, אז אראפצושטעלן א יסוד פאר א בית ה', דארף זיין מיט ערליך געלט. דאס קען מען נישט נעמען פון יעדען איינעם, דאס האט מען נאר גענומען פון כלל ישראל, די וואס זענען געווען קינדער פון די אבות, זיי האבן געהאט א חלק אין די אדנים פון די משכן. כאטש אין די אדנים האט יעדער געדארפט האבן א חלק, אבער נישט יעדער, נאר די וואס זענען געווען פון כלל ישראל, אבער די ערב רב האט נישט געהאט א חלק דערין. אנדערע זאכן וואס מען האט געדארפט האבן אינעם משכן, דאס האט מען געקענט נעמען פון יעדן, מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי.

**א** מקדש מעט איז אויך אזוי. ווען מען שטעלט אויף א מקדש מעט פארן אייבערשטען, א מקום ווי מען זאל זיך צוזאמקומען לערנען און דאווענען, עס איז דא איינמאל אין יאר וואס מען מאכט א מלוה מלכה וכדומה, דאס איז דער יסוד וואס ווערט אראפגעלייגט אז פון דעם בדרך כלל זאל זיך קענען האלטן דער מקום קדוש. און כל שכן ווען מען האלט נאך אין אנהייב, מען רעדט פון א חנוכת הבית המדרש, דאס איז די אדנים וואס מען לייגט אראפ אויף א פלאץ, אז עס זאל קענען שפעטער זיין א מקום פאר תורה ותפלה. די אדני המשכן, האט די תורה געוואלט אז יעדער יוד זאל האבן א חלק דערין, און זיך נישט פארלאזן איינער אויפן צווייטן, אז יענער וועט טון, סוף כל סוף וועט זיין דער בית המדרש, נאר יעדער יוד איז מחויב אין די אדנים פונעם משכן. אראפצולייגן די יסוד פארן משכן, דארף יעדער יוד האבן א חלק. - און די תורה האט געזאגט, אז דאס געב איך אויך נישט פאר יעדן איינעם, נאר אמת'דיגע ערליכע יודען, די וואס זענען זרע אברהם יצחק ויעקב, אז

די זאלן האבן א חלק דערין, די אנדערע זאלן נישט האבן א חלק.

*

**איך** האב געזען שטיין פון **רבי זלמן סורוצקין זצ"ל**, ער האט געמאכט א ספר **אזנים לתורה**, און ער זאגט די וואך, אז ווען מען האט געענדיגט די משכן שטייט אין פסוק (לט-מג) ויברך אותם משה, משה רבינו האט געבענטשט יודען. רש"י זאגט אז ער האט זיי געבענטשט, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם. און ער שטעלט זיך אויף דעם ויברך אותם 'משה', וואס איז דערווארט 'משה', מען רעדט דאך פון משה רבינו.

**זאגט** ער, אז ער מיינט אז דער פשט דערפון איז אזוי. ער איז אמאל געווען אויף א חנוכת הבית, וואס מען האט אויפגעשטעלט א מוסד פארן ציבור. עס איז געווען א גרויסער רב, וואס ער האט זיך זייער געפלאגט צוזאמצושטעלן אוצרות מיט געלט עס אויפצושטעלן, און ער איז ארומגעפארן נאך געלט אז ער זאל עס קענען גומר זיין. און ווען מען האט געענדיגט האט מען געמאכט א חנוכת הבית. און מען האט געבעטן דעם רב, אז ער זאל באדאנקען די אלע וואס האבן געטון דערין, ווי דער סדר איז.

**ווען** ער האט אנגעהויבן צו רעדן, האט דער רב געזאגט, אז בשעת מען האט אים געבעטן אז ער זאל רעדן ביי די געלעגענהייט, האט ער געטראכט ביי זיך, עולם הפוך ראיתי (פסחים נ.), עס איז א פארקערטע וועלט. איך האב זיך געפלאגט און צוזאמגענומען געלט, און ארומגעפארן איבעראל אז מען זאל קענען אויפשטעלן דעם מוסד, און איך האב מזכה געווען אזויפיל הונדערטער יודען זאלן האבן א חלק דערין. וואלטן זיי זיך געדארפט אויפשטעלן און מיך בענטשען, אז איך האב זיי אהערגעשטעלט אזא מוסד, און איך האב זיי מזכה געווען מיט אזא חשובע זאך, זיי זאלן קענען האבן א חלק דערין. און דערווייל איז מען מיך מכבד, אז איך זאל זיי באדאנקן. עס וואלט דאך געדארפט זיין פארקערט, איך האב ענק געברענגט א גאנצע מוסד, איך האב ענק מזכה געווען דערמיט, און איך האב מיך געפלאגט דערויף, פארוואס קומט זיך אז איך דארף דאנקן פאר די בעלי בתים. פארוואס קומט זיך נישט, אז די בעלי בתים זאלן דאנקן פארן רב, אז דער רב האט זיי אהערגעשטעלט אזא שיינעם מקום.

**האט** דער רב ווייטער געזאגט, איך פארשטיי אז מען האט זיך אפגעלערנט פון משה רבינו, משה רבינו האט געהייסען פאר יודען ברענגען געלט צו נדבות המשכן, און יודען האבן געברענגט, מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, און ויברך אותם משה, משה רבינו האט זיי געבענטשט. 'זיי' וואלטן געדארפט בענטשען משה רבינו, אז משה רבינו האט זיי געברענגט צו אזא געלעגענהייט אז מען קען האבן דעם רבונו של עולם דא. וואלטן זיי געדארפט קומען, און זיי וואלטן געדארפט בענטשען משה רבינו. און די תורה זאגט נישט אזוי, נאר ויברך אותם משה, משה רבינו האט זיי געבענטשט.

**האט** ער געזאגט, וועגן דעם איז דער פסוק מדייק, ויברך אותם 'משה', זאלסט וויסען אז עס האט נישט געדארפט אזוי זיין, אז משה זאל געבן ברכות. עס וואלט געדארפט צו זיין, אז זיי זאלן געבן די ברכות פאר משה, אבער אז מען האט נישט קיין שכל, דארף זיין ויברך אותם משה, דארף משה געבן די ברכה.

**ווען** מען שטעלט אויף א בית המדרש, און ב"ה אזא שיין בית המדרש, עס איז א אמת'דיגער מקום תורה ותפלה, איז מען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב, אז מען גיט ענק די געלעגענהייט אז מען קען האבן א חלק אין אויפשטעלן אזא בית המדרש. עס זענען ב"ה דא געגוג בתי מדרשים אין די שטאט, אבער מען קען ציילען כמעט אויף די הענט, וויפיל בתי מדרשים זענען דא וואס איז באמת מיוחד צו שטייגען אינעם בית מדרש. עס איז נישט נאר סתם, ווייל ער דארף האבן צען יודען צו מנין, קומט ער אריין דאווענען, נאר א מקום ווי ער זאל קענען האלטן זיין יודישקייט. עס איז דאך א שווערע וועלט, מען גייט ארויס אויף די גאס, און מען דארף האבן חיזוק. פון דעם איינעם מאל וואס מען קומט זיך צוזאם אין בית המדרש,

נעמט מען זיך דאך צוזאם חיזוק אויף שפעטער. מען הערט דברי תורה, מען דארף נישט קיין סאך הערן פונעם רב, נאר אנקוקן זיין תורה און תפלה און עבודת ה', איז עס אויך משפיע. עס וואלט געדארפט זיין, נישט אז מען זאל בעטן, און נישט אז מען זאל דאנקן, עס וואלט געדארפט זיין פארקערט, זיך פרייען אז מען האט א חלק דערין, און זיך פרייען אז מען קען נהנה זיין פון אזא מקום. זיך שפירן גליקלעך, אז מען האט א חלק אין אזא שיינעם מקום פון תורה און תפלה.

*

**דער רבי זלמן סורוצקין זצ"ל**, האט ארויסגעגעבן נאך א ספר, **הדעה והדיבור**. רבי זלמן איז געווען א איידעם ביי **רבי אליעזר גארדאן**, דער ראש ישיבה אין טעלז. און ער שרייבט אליין די מעשה , איז עס א אמת'דיגע מעשה, און א געוואלדיגע מוסר השכל. זיין שווער רבי אליעזר, איז אלץ יונגערמאן געווען א איידעם ביי א יוד רבי אברהם יצחק נאוויאזער. ער האט זיך איינגעזעצט א איידעם א תלמיד חכם, און ער האט אים אויסגעהאלטן, אז ער זאל קענען זיצען און לערנען. זיין שווער אליין איז געווען א עני ואביון, אבער ער האט אפגעשפארט פונעם ביסען פונעם מויל, כדי דער איידעם זאל קענען זיצען און לערנען.

**לימים** איז שווערער געווארן די פרנסה, און מען האט אנגעטראגען פאר רבי אליעזר א רבנות פאסטן, ער זאל ווערן ערגעץ א רב. רבי אליעזר'ס שוויגער האט געהאט חשק אז ער זאל אננעמען די רבנות, און זי האט געזאגט פארן מאן, אונזער איידעם ליגט אויף אונזער פלייצע, מיר האבן קוים וואס צו עסן אין שטוב, און מען דארף נאך אויסהאלטן דעם איידעם, און אז מען טראגט אים אן א רבנות, און ער קען האבן פרנסה, וואלט מען געדארפט זעהן אים צושטופן אז ער זאל אננעמען דאס רבנות.

**האט** רבי אליעזר'ס שווער געזאגט פאר זיין ווייב, 'איך ווייס נישט צו איך האלט אים אויס, צו ער מיט זיין תורה האלט מיר אויס', איך געטרוי זיך נישט אים אוועקצושיקן. ער האט עס געהאלטן פאר א זכיה, אז ער קען אים אויסהאלטן. קען זיין אז וואס ער פארמאגט, און וואס ער לעבט, און וואס ער האט, האט ער אין זכות פון די תורה פון זיין איידעם, איך וויל אים נישט אוועקשיקן. האט זי מסכים געווען.

**לימים** האט מען אים אנגעטראגען א צווייטע רבנות, א גרעסערע רבנות, און עס איז אויך געווען די זעלבע דין ודברים, און ער האט זיך ווייטער געהאלטן, איך ווייס נישט צו איך האלט אים אויס, צו ער האלט מיך אויס. שפעטער האט מען אים אנגעטראגען נאך א רבנות, און עס איז געווען כלו כל הקיצין, האבן זיי מסכים געווען אז ער זאל אוועקגיין, ער זאל אננעמען דאס רבנות. און עס איז געווען אפגעשטימט אז דעם און דעם טאג לאזט ער איבער די שטאט, און ער גייט אננעמען די רבנות דארטן.

**ווען** עס איז אנגעקומען דער טאג, איז זיין שווער רבי אברהם יצחק געגאנגען דאווענען צופרי, און ווען ער איז אהיימגעקומען פונעם דאווענען, און ער האט אריינגעטרעטן אינעם שטוב, איז ער צוזאמגעפאלען ביי די טיר, און ער איז אוועק. האט זי געזען, אז נישט זיי האבן אויסגעהאלטן דעם איידעם, נאר דער איידעם האט זיי אויסגעהאלטן. דאס וואס זיי האבן געלעבט אלע יארן, איז געווען אין זכות ווייל זיי האבן אויסגעהאלטן דעם תלמיד חכם. און ער שרייבט עס פאר א געוואלדיגע מוסר השכל. מען מיינט אז מען גיט פאר יענעם, 'מען גיט נישט פאר יענעם, מען גיט פאר זיך'. וואס א מענטש גיט פאר א צווייטן, איז נישט ער האט געגעבן, נאר ער נעמט. ביי א יעדע צדקה שטייט אזוי אין מדרש (ויק"ר לד-י), יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, מער פון וואס דער בעל הבית טוט מיטן עני, העני עושה עם הבעל הבית, טוט דער עני מיטן בעל הבית. דער עני דארף נישט באדאנקען דעם בעל הבית, אז ער האט אים געגעבן. עס איז פארקערט, דער בעל הבית דארף דאנקן דעם עני, אז ער האט אים געגעבן א געלעגענהייט, אז ער קען אים געבן.

**איך** האב געטראכט, אז מען זעהט אז די קרשים פון די משכן האבן געהאט שתי ידות, און דאס

האט מען ארייננעלייגט אין די אדנים. פארוואס רופט מען עס אן 'שתי ידות', עס וואלט זיך מער געפאסט צו זאגן אז עס איז געווען 'שתי רגלים'. יעדע ברעט האט געהאט צוויי פוסלעך, אזוי ווי א פוס פון א מענטש, אזוי איז געווען די צוויי פיסלעך פון די קרשים, און עס איז געלעגן אין די אדנים. פארוואס רופט מען עס אן שתי ידות.

**עס** קען אפשר זיין, די קרשים פון די משכן ווייזען אויף די בני תורה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז געווען מ"ח קרשים, און מ"ח נביאים עמדו לישראל (מגילה יד.), וואס די מ"ח נביאים זענען געווען די שרשים פון די מנהיגי התורה אויף אלע דורות שפעטער. און דער אייבערשטער האט געוויזן, אז דער אייבערשטער רוהט ווי עס איז ארומגענומען מיט ערליכע יודען, מיט די מ"ח קרשים, די מ"ח נביאים. און די אדנים, דאס זענען די מחזיקי התורה, די האלטן אויף, אז די משכן זאל קענען שטיין.

**די** אדנים פון די משכן מיינען, אז פאר זיי קומט די גאנצע קרעדי"ט, זיי האבן אהערגעשטעלט דאס געלט, זיי האבן אהערגעשטעלט די אדנים, זיי האבן אויפגעשטעלט דעם משכן, דער משכן קען נישט שטיין אן די אדנים. עס איז אמת, עס קומט זיך זיי א ברכה דערפאר וואס זיי האבן געטון, אבער זיי ווייסען נישט וויפיל מער האבן די קרשים געטון פאר די אדנים. דער תלמיד חכם טוט אסאך מער פאר דעם מחזיק, פון וויפיל דער מחזיק טוט פאר דעם תלמיד חכם. די קרשים האבן געהאט שתי ידות, צו ווייזען, אז נישט די אדנים געבן פאר די תלמידי חכמים, נאר די תלמידי חכמים געבן מיט ביידע הענט פאר די אדנים. דער לאך וואס איז דא אין די אדנים, טוען די שתי ידות אנפילען. ווען א יוד גיט פאר תורה, איז עס נישט, אז ער גיט פאר תורה, נאר די תורה גיט פאר אים. ער האט נאר א זכיה, אז דער אייבערשטער האט אים צוגעשטעלט, אז ער זאל קענען מחזיק זיין, און ער זאל קענען ארויסהעלפן.

**ב"ה** מען זיצט ביי אזא שיינע מסיבה פון יונגעלייט תלמידי חכמים און יראי ה', וואס עס קומט ארויס אזא ליכטיגקייט פון דעם פלאץ, נישט נאר פאר זיי אליין, נאר פאר די גאנצע שטאט. עס איז דא א מקום וואס איז מיוחד פאר תורה און עבודת ה', וואו מען קען הערן מוסר יעדע וואך, און ביי יעדע געלעגענהייט קען מען מקבל זיין, דארף מען דאנקען פארן רב, דאנקען פאר די אלע וואס טוען, אז מען האט א חלק אין אזא מקום, אז מען קען עס אהערשטעלן.

**און** ב"ה אז עס איז נתרבה געווארן ספסלי בבי מדרשא, מען קומט פון איין פלאץ צום צווייטען פלאץ, וויל איך נאר אזויפיל וואונטשען אז דאס זאל אויך בקרוב קליין ווערן, און מען זאל דארפן זוכען א פרישן פלאץ, און עס זאל זיין א שנעלע דורכגאנג, מען זאל זיך אויסלערנען ווי אזוי מען הייבט אן צו בויען, און נאכדעם וועט מען וויסען ווי אזוי מען דארף בויען גרעסערס. זאל דער אייבערשטער געבן אי"ה, אז מען זאל קענען טון להגדיל תורה ולהאדירה, און קענען מקבל זיין בשתי ידים אלעס וואס מען פראבירט ארייננצולייגען, און דעמאלטס וועלן ביידע האבן נוצען, סיי די מחזיקי תורה, און סיי די מרביצי תורה, יעדער העלפט ארויס איינער פארן אנדערן. אין זכות פון דעם וואס מען טוט מחזק זיין אזא שיינעם מקום תורה, זאל דער זכות פון תורה מגין זיין אויף אונז אלע, עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, און מיר אלע זאלן אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.